№ 257 Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem פרייז 20 גראשען **Lodzer Tageblat**

לאָדזער טאָגעבלאַט

צוואַנציגסטער יאָהרגאַנג | 10 listopada 1927 r. | דאָנערשטאָג ט"ו מרחשון תרפ"ח | רעדאַקציע און אדמיניסטראַציע: פּעטריקאָווער 18. טעלעפאָנען: פון רעדאַקציע 39, פון אדמיניסטראַציע 47

אויף „אַ גלעזעל טיי" אין בעלוועדער

ווערען די דעפּ. אויסהערען אַ גרויסע פּאָליטישע רעדע פון מאַרשאַל פּילסודסקי

וואַרשאַ. (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט) דעם 28. נאָוועמבער, אין זעלבען טאָג, ווען עס ענדיגט זיך די קאַדענץ פון סיים, קומט פאָר אין בעלוועדער אַ „גלעזעל טיי" פאַר די דעפּוטאַטען. דער מאַרשאַל פּילסודסקי וועט דאָן אַרויסטרעטען מיט אַ גרויסער פּאָליטישער רעדע, אין וועלכער ער וועט קריטיקירען זיין פּראָגראַם פון דער אַרמיי. אין די פּאַרלאַמענטאַרישע קרייזען האָט די דאָזיגע ידיעה אַרויסגערופען אַ גרויסע סענסאַציע און מ'פירט דערויף פערשיידענע השערות.

סיים-קלוב פון „פּיאַסט" שטיצט אונטער וויטאָס'עס פּאָליטיק.

וואַרשאַ, (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט) געשטערן איז פאָרגעקומען די בעראַטונג פון סיים-קלוב פון „פּיאַסט". די זיצונג איז געווען זעהר אַ שטורמישע. אויף דער טאָגס-אָרדנונג איז געשטאַנען די פראַגע צו וויטאָס זאָל דעמיסיאָנירען פון אַמט אַלס פּרעזעס פון סיים-קלוב. ווען די זיצונג האָט זיך אָנגעהויבען איז אַריינגעקומען אין זאַל דער דעפּוטאַט שמיגעל, וועלכער איז אויסגעשלאָסען געוואָרען פון „פּיאַסט" אויף דער עהרענגעריכטליכער זיצונג פון הויפּט-ראַט. אין זאַל איז ענטשטאַנען אַ טומל און די דעפּוטאַטען האָבען אַלס פּראָטעסט געגען שמיגעל'ן פערלאָזט דעם זאַל. ערשט ווען שמיגעל איז אַרויס פון'ם זאַל, האָט זיך די זיצונג ווייטער געעפענט. דער גרעסטער טייל דעפּוטאַטען האָבען אונטערשטיצט וויטאָס'ן.

פון די רעדעס און רעזאָלוציעס איז צו זעהן, אַז אין פּיאַסט וועט אַזוי פּלוצים נישט פאָרקומען קיין שפּאַלטונג.

פּוילישער דעמאָקראַטישער וואַהל-בלאָק אָהן דער „סאַנאַציע".

וואַרשאַ. (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט) דער הויפּט-קאָמיטעט פון „ווילאָזאָלעניע" האָט צוגעשיקט אַ רוף צום פאָרשטעהער פון דער פּויערן-פּאַרטיי. ברייל וועגען גרינדען אַ וואַהל-בלאָק פון אַלע דעמאָקראַטישע פּאַרטייען אין פּוילען. צום בלאָק זאָלען צוטרעטען: ווילאָזאָלעניע, פּ.פּ.ס., לינקע נ.פּ.ר. און די פּויערן-גרופּע. פּאַרטייען פון סאַנאַציע-לאַגער זאָל צום בלאָק נישט צוגעלאָזט ווערען.

—o—

לינקע נ.פּ.ר. שטעהט צו צום דעמאָקראַטישען בלאָק.

וואַרשאַ, (טעלעפאָניש) די טאָג איז פאָרגעקומען אַ זיצונג פון הויפּט-ראַט פון די לינקע נ.פּ.ר. אין פּויזען. דעפּ. ציוויאַק האָט געהאַלטען אַ רעפעראַט וועגען דער פּאָליטישער לאַגע. דערנאָך איז אָנגענומען געוואָרען אַ רעזאָלוציע צו בעקעמפען די פּאָליטיק פון „גרויס-פּוילישען לאַגער", וועלכער האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל אויסצושאַלטען די סאָציאַלע ערובות פון דעם אַרבייטער.

וועגען די וואַהלען צום סיים איז אָנגענומען געוואָרען אַ רעזאָלוציע אַריינצוטרעטען אין אַ בלאָק מיט די פּוילישע דעמאָקראַטישע פּאַרטייען.

אוקראַאינישע „דילאָ" געגען בלאָק פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטען.

לעמבערג, 9. נאָוו. (טעל. צום „ל. ט.") די הויפּטשטאַט „דילאָ" שרייבט, אַז די פראַגע וועגען אַ בלאָק פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטען איז איצט נישט אַקטועל פאַר די אוקראַאינער. קודם כל, שרייבט די צייטונג, דאַרף פאָרקומען אַ קאָנסאָלידאַציע פון די אוקראַאינישע פּאַרטייען עלפּי פּנים און דערנאָך ערשט וועט מען קאָנען רעדען וועגען אַ בלאָק מיט די פּאַרטייען פון די אַנדערע נאַציאָנאַלע מינדערהייטען. בכלל, שרייבט די אוקראַאינישע צייטונג, איז נאָך איצט פריהצייטיג צו רעדען וועגען אַ בלאָק פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטען.

„פּיאַסט"-צוזאַמענפאָהר אין לאָדז

(§) שטאַרגעשטעלט איז אין לאָדז פאָרגעקומען אַ צוזאַמענפאָהר פון „פּיאַסט" פון דער לאָדזשער וואָיעוואָדשאַפט. אויפ'ן צוזאַמענפאָהר זענען געווען מעהר 150 דעלעגאַטען. עס זענען געהאַלטען געוואָרען אַ ריי רעפעראַטען, דערונטער אויך פון דעפּ. כוואַלקאָווסקי וועגען די זעלבסט-פערוואַלטונגען. אַרומגערעדט געוואָרען די פראַגע וועגען די קומענדיגע וואַהלען צום סיים און סענאַט.

צום סוף האָט דער צוזאַמענפאָהר אָנגענומען אַ דעפּעשע צום פּרעזעס פון „פּיאַסט", צו וויטאָס'ן, אויסדריקענדיג אים צוטרוי.

נאָכ'ן צוזאַמענפאָהר האָט דער צוזאַמענפאָהר באַזיכטיגט די האַנדלונג פון ...

חדורים כאב עמוק הננו להביע את צערנו הנצחי לרגלי מות אחותנו היקרה

שולמית ז"ל

שנקטפה מתוך מערכותינו בטרם הגיע מלאת.
בהגשמת רעיוננו נתחזק ונתאמץ.

גד „ידידים" הסתדרות „חשומרים" בלודז.

צוליב'ן טויט פון אונזער מיטגליד פרוי

ג"ע לאה שייניאק

דריקען מיר אויס דעם **מאַן** און **קינדער** אונזער טיפסטען ביילייד
די פערוואַלטונג פון
הכנסת כלה וגמילת חסדים
וואָלבאָרסקאַ 20.

די לאָדזער יודישע

קהלה-פערוואַלטונג

איז מודיע, אז פרייטאָג, ד. 11. נאָוועמבער, ה. י. ווערט אין דער אַלט-שטעטישער שוהל, וואָלבאָרסקאַ 20, 10 אַ זייגער פריה מערקוועט

☛ אַ פייערליכע ☚

גאָטעס-דינסט

צוליב'ן 9-טען יאָהרטאָג פון ערהויבען פּוילען'ס אונאָבהענגיגקייט.

לאָדז, דעם 10-טען נאָוועמבער 1927.

שוין ערשינען אַ זעהר אינטערעסאַנטער

№ 10

פון דער צייטשריפט

„דער יתום"

געווידמעט די ענינים פון יתומים-פערזאָרגונג, קינדער-ערציהונג און טרויסט-שוץ.

רעדאַקטאָר: ד"ר אהרן לאַנגלעבען.

צו בעקומען אין אַדמיניסטראַציע שענקעוויטשאַ 3/5 טעגליך חוץ שבת פון 10—2 און 4—8 נאָכמ.

בעקאַנטמאַכונג.

דערמיט מאַך איך בעקאַנט דעם לאָדזער פּובליקום, אַז אין מיין ערשטקלאַסיגען קאַפע-הויז

„Central" Piotrkowska 48
— tel. 62-11 —

טרעפט זיך צונויף די בעסטע געזעלשאַפט פון דער שטאָט און דעריבער קען איך נישט ערלויבען קיין שמאַטע-בערזע אין מיין קאַפע, כדי נישט אויסטרייבען מיין ג. קונדשאַפט.

איך דאַנק זעהר די דערמאָהנטע בערזע, וואָס האָט געוואָהנט צו קאָנסגיס מיין ווענדונג דורך דער פּרעסע און זי האָט שוין טעלמויז נישט געזוכט נעכטען מיין צוקערניע. איך בעט אויך ווייטער די **שמאַטע-הענדלער** צו געהמען אין פאָלגען אכט מיין בקשה, כדי אויסצומיידען בעליידיגונגען און אונפאַסענדע אויסדריקען.

מיט אַכטונג
Z. Gelrubin
אינהאַבער פון „קאַפע צענטראַל".

פיליכאָווסקי'ס בילדער-אויסשטעלונג

געפינט זיך אין לאָקאַל פון דער

געז. „טאָז". אנדזשעיאַ 1

אוי איז אָפען פון 11 פריה ביז 9 אָוועגד אָהן אונטערברעכונג

צווישען די לעצטע אַרבייטען ווערט אויסגעשטעלט
דאָס גרויסע היסטאָרישע ווערק א. נ.:

די פייערליכע ערעפנונג פון העברעאישען אוניווערזיטעט
אין ירושלים דורך לאָרד באַלפור

פאַר דערוואַקסענע 1 זל. — פאַר יוגענדליכע — 50 גר.
איינטריטס-בילעטען ביים איינגאַנג.

טיכטיגע

אינקאַסענטען-טעס

ווערען געזוכט; צו מעלדען זיך טעגליך אין קאַנצעלאַריע פון „לינת-החולים", פּאָלודניאָוואַ 19 פון 4—7 אָוועגד.

10.000 זל. ווערט געזוכט

אויף אַ הויז, וואָס האָט קיין טאַקזאַציע אויף ערשטע היפּאָטעק אין צענטרום פון דער שטאָט. צו ערפאַהרען אין דער אדמיניסטראַציע פון דער צייטונג. 4876

Dr. med. I. WAJNBERG
Cegielniana 47, tel. 26-02.

אינערליכע קראַנקהייטען.
ספעציעל. פאַר לונגען- און האַרץ-קראַנקהייטען
בעשטראַהלונגען און קינסטליכע בערג-זון.
4683 נעמט אָן פון 3—6 נאָכמ.

Dr. med. G. Gersztajn
צוריקגעקעהרט
ספעציאַל-אַרצט פאַר אויגען-קראַנקהייטען
Traugutta 12 (קרוטקאַ)
נעמט אָן פון 12½—2, פאַר אונבעמיטעלטע פון 7-8 אָוו.

אויפפאָדערונג.

אין צוזאַמענהאַנג מיט'ן אַנאָנס, וואָס איז געווען פערעפענטליכט אין נעכטיגען „לאָדזער טאָגעבלאַט" פון ה' ז. געלרובין (אינהאַבער פון קאַפע „צענטראַל" פּיעטריקאָווער 48), אין וועלכען ער בעט, אַז די שמאַטע-הענדלער זאָלען נישט בעזוכען זיין צוקערניע, און צוליב דעם, וואָס ער לאָזט נישט אַריין לאַנג-בעקליידעטע, פאָדערן מיר דעריבער אויף אַלע אונזערע מיטגלידער נישט מעהר צו בעזוכען זיין צוקערניע.

די פערוואַלטונג פון אבפאַל-הענדלער.

גאַנץ לאָדז

לויפט שנעל מיט די נאַקאָוען-פּלאַטניטשי אויף פּאָדפּעק-דאַכאָווי נאָר אין ביורא **„פּאָלאָניאַ"** אַלע 1. מאַי — 7 —

ווי עס ווערען ערלעדיגט די רעקורסען אַמבעסטען, אַמשנעלסטען מיט גרויס ערפאָלג. צור בעקוועמליכקייט פאַר די געשעצטע קליענטען איז ביורא „פּאָלאָניאַ" אַלעיאַ 1. מאַי 7, פון דעם 1. אָקט. ביז צום 10. נאָוועמ. אָפען אונאונטערבראָכן פון 8 פריה ביז 10 אָוו.

לעזט אונאַבהענגיגע דאָס
לאָדזער טאָגעבלאַט

בעקאַנטמאַכונג

דערמיט מאַכען מיר בעקאַנט, אַז מיר האָבען דעם אויסשליסליכען פערקויף פון

שפּולקעס ביינוויל I.K.P.

צום צערעוען

Sp. Akc. Wyrob. Baw. I. K. POZNAŃSKI
w Łodzi.

מיט אַכטונג
פישמאַן און פריימאַן.

אזהרה!

דערמיט ערקלערען מיר, אַז ביז איצט איז אונז געלונגען דורכצופיהרען אַן אַקציע ביי די גענזלער און ביי אַ גרויסען טייל פון די קצבים, אַז עס זאָל נישט פערקויפט ווערען קיין גענז פון פרעמדע שחיטה, נאָר בלויז פון לאָדזער שחיטה. עס איז אָבער נאָך דאָ, לײדער, אַ גרויסער טייל קצבים, וואָס קוקען נישט אויפ'ן איסור פון ראַבינאַט און פערקויפען אין זייערע יאַטקעס גענז פון פרעמדער שחיטה. מיר ווענדען זיך דעריבער, בהסכמת הראַבינאַט, צו די דאָזיגע קצבים מיט אַן אזהרה, אַז אין פאַל, ווען זיי וועלען ווייטער פערקויפען אַ זעלכע גענז, וועלען זייערע **יאַטקעס געאַסר'ט ווערען** דורכ'ן ראַבינאַט.

די פערוואַלטונג פון געפליגעל-הענדלער-פעראיין
אין לאָדז, פּאָמאָרסקאַ 17.

היינט, דאָנערשטאָג, 8.15 אַ זייגער אָוועגד ווערט אין פילהאַרמאָניע זאָל האַלטען

אַ פאָרלעזונג

ד"ר באָגוסלאַווסקי

אויף דאָס טעמאַ: **יודען און יודען-פרעסער**

(משה און דאָס היינטיגע יודענטום)

בילעטען פערקויפט די קאַסע פון פילהאַרמאָניע.

8-טונג!

דערמיט מאַכען מיר בעקאַנט דער געעהרטער קונדשאַפט, אַז מיר בעזיצען צום איצטיגען סעזאָן אַ רייכען אויסוואַהל פון פערשיידענע **כאַלוועס** פון אייגענער אויסאַרבייטונג פון גריכישען אייל, ווי אויך פערשיד. ג. בעקס, שאָקאָלאַדען און וואַפלעס די בעסטע סאָרטען איז צו בעקומען ביי

מ. ה. וואָראָבלעווסקי

נאָוואָמיעיסקאַ 21, טעלעפאָן 40-35.

קאנגרעס פון ליטווישע עמיגראנטען אין לאטווע.

פארשטעהער פון דער פוילישער דעמאקראטיע בעגריסען דעם קאנגרעס. — פראטעסט-נאטע פון דער ליטווישער רעגירונג צו לאטווע.

4 טויזענד בעוואפענטע לאטוויער שטעהען גרייט צו מארשירען אויף קאונע.

ריגא, 9 נאוו. (ספ. צום „ל. ט.") דא איז פערענדיגט געווארען דער קאנגרעס פון די פאליטישע עמיגראנטען פון ליטא. די דעלעגאטען האבען אנגענומען א רעזאלוציע, אין וועלכער זיי אפעלירען צום ליטווישען פאלק, אז עס זאל זיך נעמען צים געווער און אראפווארפען די איצטיגע מושלים, וואס פערשקלאפען דאס פאלק. דער קאנגרעס ווענדעט זיך אויך מיט אנ'אפעל צו אלע דעמאקראטישע מלוכות און אייראפא, אז זיי זאלען קומען צו הילף דעם אומגליקליכען ליטווישען פאלק, וואס איז א קרבן פון וואלדעמאראס'עס ווילדער שוויקע. דעם קאנגרעס האבען בעגריסט פוילישע דעלעגאטען, וועלכע האבען ערקלערט, אז פוילען וויל לעבען בשלום מיט ליטא.

דער לאטווישער דעלעגאט האט ערקלערט, אז ס'שטעהען גרייט 4 טויזענד בעוואפענטע לאטוויער, וועלכע ווארטען אויף א בעפעהל צו מארשירען אויף קאונא. די דאזיגע ערקלערונג, ווי בכלל אלע רעזאלוציעס פון קאנגרעס האבען ארויסגערופען אין ליטא א געוואלדיגען רושם.

ריגא. 9 נאוו. (אטע) אין א היגער צייטונג איז געווען אפגעדרוקט א געשפרעך מיט'ן ליטווישען געזאנדטען אין ריגא. דער געזאנדטער האט ערקלערט, אז די ליטווישע רעגירונג האט זיך געווענדעט מיט א פראטעסט-נאטע צו דער לאטווישער רעגירונג נעגען דעם קאנגרעס פון די ליטווישע עמיגראנטען אין ריגא.

סוחרים וועלען בעקומען הנחה-פעסער צו 25 זל.

ווארשא. (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט) ווי מיר דערוויסען זיך פון זיכערע קריזען וועט די טעג ארויס א פעראָרדנונג ארויסצוגעבען הנחה-פעסער צו 25 זל. פאר סוחרים און פאבריקאנטען, וואס פאהרען קיין אויסלאנד. די קלאגען, אז די הנחה-פעסער וועלען ערשט אנגעפיהרט ווערען פון נייעיאהר שטימען נישט מיט דער ווירקליכקייט.

פאבריקאנט ווישליצקי בעשאנקען מיט'ן ארדען „פאלאניא רעסטיטוטא".

ווארשא. (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט) דער פאבריקאנט ווישליצקי, א ברודער פון דעפ. ווישליצקי, וועלכער איז געווען דער גרינדער פון דער ערשטער פאבריק פון קונסטליכען אייז, האט בעקומען אלס אויסצייכנונג דעם ארדען „פאלאניא רעסטיטוטא".

די קאנצעסיעס אויף אלקאהאל-געשעפטען וועלען פערלענגערט געווארען ביז דעם 1. יולי 1928

ווארשא, (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט) דאס פינאנץ-מיניסטעריום האט ארויסגעגעבען א פעראָרדנונג צוריקצוציהען די גזרה וועגען צונעמען די קאנצעסיעס פון די רעסטאראנען און ווייז-שענקען. אלע קאנצעסיעס זענען פערלענגערט געווארען ביז דעם 1. יולי 1928.

לעטלענדישע מלוכה בויט א יודישע לאנדווירטשאפטליכע שול.

ריגא (יט"א) דער לעטלענדישער סיים האט אין זיינער צייט בעשטעטיגט דאס מיניסטעריום פאר לאנדווירטשאפט אויסצוארבייטען א פראיעקט וועגען גרינדען אין לעטלאנד א לאנדווירטשאפטליכע שולע פאר יודען. איצט איז שוין דער פראיעקט אויסגעארבייט געווארען און ער דארף נאר בעשטעטיגט ווערען פון סיים. לויט'ן פראיעקט וועט די גרונד-בילדונג דויערן לערך צוויי יאהר. עס איז פארגעזעהן, אז די למודים פאר ספעציעלע בילדונג, וועלכע דויערן 2 און א האלב יאהר און צוויי אפטיילונגען: 1) גערטנערייא און ביהנען-צוכט, 2) פיה-צוכט און מילך-ווירטשאפט. א ח"ץ דער מלוכה-סובסידיע וועלען נאך נויטיג זיין מיטלען אויף איינצושאפען דעם לעהרערען און מיטען אינווענטאר, ווי אויך אויף איינצוארדנען בייא דער שול אנ'אינטערנאט, וואו די שילער זאלען קענען לעבען און משך פון דער גאנצער אויסבילדונגס-צייט.

די מלוכה נימט אם אין רויש פון דער שול די פערמע, וועלכע איז פריהער געווען בעשטימט פאר'ן לאנדווירטשאפטליכען פאקולטעט פון לעטלענדישען אוניווערזיטעט.

40 דועלען צווישען יודישע און אנטיסעמיטישע סטודענטען אין אונגארן.

בודאפעסט, 9 נאוו. (טעלעגראפיש דורך יטא) אין צוזאמענהאנג מיט די פסדר'דיגע אנטיסעמיטישע ארויסטרעטונגען פון די אונגארישע סטודענטען-פעראיינען, האבען 40 יודישע סטודענטען ארויסגערופען די פיהרער פון די אנטיסעמיטישע סטודענטען-פעראיינען אויף דועלען. א רייה דועלען זענען שוין פארגעקומען. די רבנים האבען די אנטיסעמיטישע סטודענטען בעשולדיגט שווערע וואונדען. ביז סוף וואך וועלען פארקומען אלע איבריגע דועלען.

אעראפלאן „יודישער הארעפאשניק" איבערגעגעבען געווארען דער סאוויעטען-מאכט.

מאסקווא, 9 נאוו. (יטא) צווישען די 30 אעראפלאנען, וועלכע זענען איבערגעגעבען געווארען דער סאוויעטען-מאכט לכבוד דעם 10-יעהריגען יובילעאום, געפינט זיך אויך דער יודישער אעראפלאן א. נ. „יודישער הארעפאשניק". דאס געלד אויפ'ן אעראפלאן איז געזאמעלט געווארען דורך 3 יודישע צייטונגען אין סאוויעטען-רוסלאנד. דער אעראפלאן קאסט 35 טויזענד רובעל.

א דעפוטאט פערקאפט 25 טויזענד דאלאר און אנטלויפט קיין אויסלאנד.

לעמבערג, 9 נאוו. (א.וו.) דער קאמוניסטישער דעפוטאט פאשטשוק איז אנטלאפען קיין אויסלאנד. אין צוזאמענהאנג דערמיט ברענגט די לעמבערגער „גאזעטא פאראננא" א סענסאציאנעלען קלאנג, אז דער דעפוטאט פאשטשוק האט פערקאפט 25 טויזענד דאלאר, וואס האבען געהערט צו „מארס", וועמענס רעפרעזענטאנט ער איז געווען אויף פוילען. די „גאזעטא פאראננא" בעגרינדעט זיך, אז די קאמוניסטישע ארגאניזאציעס האבען בעשלאסען אין פאל ווען מען וועט איהם כאפען, צו שטעלען איהם פאר א פארטיי-געריכט.

ערשטער יודישער דעפוטאט אין יוגאסלאווישען פארלאמענט.

בעלגראד (יט"א) די הויפט-וואהל קאמיסיע צום יוגאסלאווישען פארלאמענט האט בעשטעטיגט דעם מאנדאט פון יודישען אדוואקאט שטעיה דע מאיא דאס איז דער ערשטער יודישער דעפוטאט אין יוגאסלאווישען פארלאמענט. דעפ. דע מאיא איז איינער פון די פאפולערסטע פיהרער פון יוגאסלאווישען יודענטום.

די פאסט נעמט אן פשעקאזען און ווערט בריף קיין אויסלאנד.

(פ) ווי מיר האבען שוין מודיע געווען, איז דעם 5. ערשינען א פעראָרדנונג פון מלוכה-פרעזידענט וועגען אפשאפען די דעוויזען-בעגרענצונגען. אין צוזאמענהאנג דערמיט האט די לאדזער פאסט בעקומען אנ'אנווייזונג אנצונעמען ווערט-בריף און פשעקאזען קיין אויסלאנד, נישט דארפענדיג צוצושטעלען דערויף אנ'ערלויבניש פון דער פינאנץ-קאמער.

ווי וועט אויסזעהן דער לאדזער שטאט-בודזשעט פאר 1928-29.

(ע) צוהויב אקטאבער האט דער מאגיסטראט פערענדיגט דאס צוזאמענשטעלען דעם בודזשעט-פרעלימינאריום פאר 1928/9, וואס איז אין אלגעמיינעם ענליך צום בודזשעט פון פערגאנגענעם יאהר. אין בודזשעט זענען פארגעזעהען גרעסערע פאזיציעס ווי פאראיאהרען פאר אינוועסטיציע-ארבייטען. עס איז אבער זיכער, אז דער נייער שטאט-ראט וועט די בעזונדערע פאזיציעס אין בודזשעט פערמיינערען לויט זיין אייגנעם.

טראגישער סוף פון א „זאבאווע" פון שול-קינדער.

(§) נעכטען בעת א גרופע קונדסים זענען אהיימגעגאנגען פון דער שולע האבען זיי זיך גענומען טרייבען ספארט דורך ארויפקלעטערן אויף דער רושטאוואניע פון א בוי הויז, וואס ווערט געבויט אויף שעראדזקא גאס. א געוויסער זעגאן וואיטאשעק, 13 יאהר אלט, האט בעוויזען ארויפצוקלעטערן אויפ'ן סאמע שפיץ פון הויז, אבער ביים אראפנעהן האט דאס יונגעל זיך אויסגעגליטשט און אראפגעפאלען פון צווייטען שטאק. פאגאטאוויע האט דאס אומגליקליכע יונגעל אין א שווערען צושטאנד אפגעפיהרט אין שפיטאל.

ליציטאציע — פון קהל'ש פערמעגען.

(ג) די ליציטאציע פון די ווערטפולע תפצים אין קהל'ס בנין האט אויך נעכטען, אינ'ם דריטען טאג, צוגעצויגען א גרויסען עולם קויפער. די קהלה-פארשטעהער ה"ה גוטמאן, לורא און כאסרעטאר נארעל זענען געשטאנען אויף דער וואך אלס מיט-ליציטאנטען, וועלכע עס איז אויך ערלויבט צו קויפען ליציטירטע זאכען. ווי מיר דערוויסען זיך, אז ביז נעכטען האט די קהלה אפגעקויפט ווערטפולע תפצים פאר פולע 1000 זל.

זאל פילהארמאניע נארוטאוויטש — 20 —

גאסטראלען פון די בעליבטע אמעריקאנער געסט

אנא און היימאן יאקובאוויטש

פרייטאג ווערט נישט געשפילט.

שבת נאכמיטאג צו פאפולערע פרייזען

שולמית

היסטארישע אפערעטע אין 5 אקטען פון גאלדפאדען.
שולמית — אנא יאקובאוויטש.

שבת אוונט צום 4-טען מאל די לוסטיגע אפערעטע, וועלכע איז ארויס מיט גרויס ערפאלג

דער רבי האט געהייסען פרעהליך זיין

אין 3 אקטען מיט פראלאג פון ראקאה. בעארבייט און רעזשיסירט פון היימאן יאקובאוויטש. הייפטראל מאנקע—אנא יאקובאוויטש.

זונטאג 9 אוונד צום לעצטען מאל די שטארק אויסגענומענע אפערעטע

פאלעסטינער ליבע

אין 3 אקטען מיט פראלאג פון לילין רעזשיס. פון היימאן יאקובאוויטש. הויפטראל מרים—אנא יאקובאוויטש, קאלאנעל עדווארד—היימאן יאקובאוויטש.

קיין איין נאציאנאלער יוד טאר ניט פערפעהלען צו זעהן „פאלעסטינער ליבע".

ס'נעמט אנטייל: פר' זעווקינא, בעזמאן מאכאראווסקא, פאדערמאן. ה"ה: בירנבוים, אריעל, אייזענבערג, באלבירסקי, האמבורגער, מאכאראווסקי, פאליאנסקי, צווילינג.
געשעפטס-פיהרער: בעזמאן. בינע-לייטער: מאכאראווסקי.
מוזיקאלישע לייטונג: ל. זעלמאן. בילעטען אין קאסע פון פילהארמאניע.

אנאנס: אין פארבערייטונג מאלי דאלי און מאשקע ווערט א כלה.

אנ'אינהאבער פון א פאלווארק הינטער גראיעץ — אנ'אינטערנאציאנאלער גנב.

לעצטענס האט ער דורכגעפיהרט א בריליאנטען געשעפט אין קאפענהאגען.

ווארשא. (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט) דער שעף פון דער קאפענהאגענער קרימינאל-פאליציי קומט מארגען, פרייטאג, צו פאהרען קיין ווארשא. ער וועט זיך דא פערנעמען מיט'ן אויספארשען די גנבה, וואס איז מיט א צייט צוריק פארגעקומען אינ'ם יובעליר-געשעפט פון דער פירמע האלבערשטאם אין קאפענהאגען. אין דער דאזיגער פירמע איז מיט א צייט צוריק גע'גנב'עט געווארען בריליאנטען פאר א זעהר גרויסער סומע געלד. די גע'גנב'עטע בריליאנטען זענען פערקויפט געווארען קיין האמבורג, בערלין און אנדערע אייראפעאישע צענטרען. די קאפענהאגענער פאליציי האט בעקומען ידיעות, אז דער גנב פון די בריליאנטען איז א געוויסער כמאנוסלאוו מקאמש פון פוילען. נאך אויספיהרען די גנבה איז מקאמש צוריק געפאהרען קיין פוילען און לויט אנ'אינפארמאציע פון דער קאפענהאגענער פאליציי איז ער ארעסטירט געווארען אין ווארשא. די ווארשאווער פאליציי האט פעסטגעשטעלט, אז מקאמש איז א בעוואוסטער גנב, וועלכער פערנעמט זיך שוין מיט דער „אידעלער מלאכה" א יאהר 20. 10 מאל איז ער שוין געזעסען אין תפיסה. פון די גנבות האט זיך מקאמש ערהאנדעלט א היבש פערמעגען; און מען האלט איהם פאר אנ'עושר. לעצטענס האט ער זיך געקויפט א גוט אין טערנאוויצע און געשפילט די ראלע פון א פריץ.

—0—

„אגודת הרבנים" וועט פאדערן פון דער רעגירונג צופסל'ען די פארשטעהער פון בונד און פועלי ציון אלס מיטגלידער פון יודישען איבער-ראט אין פוילען

ווארשא, (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט) נעכטען האבען זיך געענדיגט די בעראטונגען פון ועד „אגודת הרבנים". צום סוף איז אנגענומען געווארען א רעזאלוציע צו גרינדען אנ'אבטיילונג פון דער „אגודת הרבנים" אין ווילנא מיט הרב חיים עוזר גראדזענסקי אין דער שפיץ. עס איז אויך אנגענומען געווארען א רעזאלוציע צו פאדערן בייא דער רעגירונג, אז די רבנים, וואס וועלען נאמינירט ווערען פון דער רעגירונג אין רעליגיעזען איבער-ראט פון די יודען אין פוילען, זאלען זיין מיטגלידער פון דער אגודת הרבנים. ווייטער איז אויך בעשלאסען געווארען צו פאדערן, אז די רבנים זאלען בעשטעטיגען אפיציעל די רעליגיע, ווי למשל די פארשטעהער פון בונד און פועלי ציון און דער יודישער קהלה. זאלען נישט טארען געוועהלט ווערען אלס מיטגלידער פון איבער-ראט.

אונערהערטע אנטיסעמיטישע רעדע פון א דייטשען פראפעסאר אין בערלינער אוניווערסיטעט.

בערלין. 9 נאוו. (יטא) אין יורידישען פאקולטעט פון בערלינער אוניווערזיטעט האט היינט פאסירט אנ'אונערהערטער סקאנדאליעזער פאקט: דער בעוואוסטער אנטיסעמיטישער פראפעסאר מיעלער האט בעת זיין לעקציע געהאלטען אנ'אויסערגעוועהנליך יודען-העצערישע רעדע און געשיט בעך און שוועבעל אויף די יודען. דער פראפעסאר האט אויפגעפאדערט די קאטוילישע און פראטעסטאנטישע סטודענטען, אז זיי זאלען אויסשליסען פון זייער פאטערלענדישער סביבה די יודישע סטודענטען. די יודישע סטודענטען, וואס האבען זיך געפונען אויף דער לעקציע האבען דעמאנסטראטיוו פערלאזען דעם זאל. דער פראפעסאר האט זיי נאכגעשריגען: גיהט, און קומט שוין מעהר נישט צוריק! דער דאזיגער אונערהערטער סקאנדאל האט ארויסגערופען א שטורם פון פראטעסטען אין דער דעמאקראטישער און ליבעראלער פרעסע.

בעוואפענטער אנפאל אויף א פאסט.

לעמבערג, 9 נאוו. (א.וו.) פון פארהאראדע מעלדעט מען, אז מאנטאג אוונד איז א גרופע בעוואפענטע באנדיטען אנגעפאלען אויף דער פאסט פון וואסאנצעוושיק און טעראריזירענדיג די פאסט-בעאמטע האבען זיי צוגערויבט 2 טויזענד זל. געלד. די באנדיטען זענען אנטלאפען אין אנ'אונבעוואוסטער ריכטונג.

לאגעווניקער אפערע פאר'ן געריכט.

לאדזער מאגיסטראט איז נישט שולדיג אין אויסהאקען דעם לאגעווניקער וואלד.

זגערזש. (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט) היינט האט דאס היגע געריכט בעטראכט דעם פראצעס קעגען דעם לאדזער מאגיסטראט און די פערזאנען פון וויצע-פרעזידענט וואיעוואדזקי און לאווניק מושינצקי, וואס זענען ווי בעקאנט, אנגעקלאגט געווארען אין לאזען אויסהאקען דעם לאגעווניקער וואלד, פון וואס די מלוכה האט געהאט היזק ביז 20.000 זל. נאכ'ן אויסהערען די עדות און נאך די רעדעס פון פראקוראר און פערטיידיגער האט דאס געריכט ארויסגעטראגען א פסק-דין, לויט וועלכען דער לאדזער מאגיסטראט ווערט פון דער שולד ריין געוואשען.

גרויסע אפערע אין קרושע ענדער'ס פאבריק אין פאביאניץ.

פאביאניק. (טעלעפאניש). (§) אין קרושע און ענדער'ס פאבריק אין פאביאניץ זענען ענטדעקט געווארען גרויסע מיסברויכען, וואס עס איז בעגאנגען א העכערער בעאמטער ה' גניער. גניער ארבייט שוין אין דער זעלבער פאבריק 10 יאהר און האט זיך ערווארבען פולען צוטרוי מצד דער דירעקציע. גניער האט חשק בעקומען צו פערדינען גרויסע סומעס, פלעגט ער פערשרייבען פענסיע אויפ'ן נאמען פון רעדוצירטע ארבייטער און דאס געלד זיך געלעגט אין טאש ארייין.

די שווינדלערייען זענען אנגעגאנגען א לאנגע צייט און גניער האט שוין בעהאלטען ביז בויען זיך א אייגענע פאבריק און זיך גענומען אויך איינקויפען מאשינען בייא א נאהענטען קרושע. יענער בעקומענדיג מיטאמאל אזא גרויסע סומע געלד פאר מאשינען פון א געוועהנליכען בעאמטען, האט בעקומען א חשד און ער האט זיך געווענדעט צו דער דירעקציע פון קרושע און ענדער'ס פאבריק און דערצעהלט זיין חשד.

די דירעקציע האט תיכף אונטערגענומען אן אונטערזוכונג און עס האט זיך ארויסגעשטעלט, אז ער האט מיט פערשידענע מאכינאציעס בעשווינדעלט די פאבריק אויף א קיילעכדיגער סומע פון 100.000 זל. ער איז ארעסטירט געווארען און ווידער בעפרייט געווארען אויף קויציע.

אין פאביאניץ האט די מעשה ארויסגערופען א געוואלדיגע סענסאציע.

גרויסער מיטינג פון „ארט".

היינטיגען שבת 10 א זייגער פריה ארדענט איין „ארט" א גרויסען מיטינג אין „פילהארמאניע", אויף וועלכען ס'וועלען ארויסטרעטען: ד"ר א. סינגאלאווסקי, מיטגליד פון צענטראל-פערבאנד „ארט" אין בערלין; קונסט-מאלער ל. פיליכאווסקי פון לאנדאן, ד"ר קראוס, ד"ר שווייג און ד"ר אייגער.

די טאג-ארדנונג פון מיטינג נעמט ארום א רייה פראגען פון יודישען ווירטשאפטליכען לעבען, וואס האבען אנ'ערשטקלאסיגע בעדייטונג פאר אלע שיכטען פון דער יודישער בעפעלקערונג.

ד"ר א. סינגאלאווסקי, וואס שטעהט א רייה יאהרען אין דער „ארט"-בעוועגונג, איז איינער פון די זעלטענסטע יודישע רעדנער און איז געטרוי בעקאנט מיט'ן גאנצען קאמפלעקס פראבלעמען פון יודישען ווירטשאפטליכען לעבען.

א דאנק זיינע ארויסטרעטונגען אין מערב-אייראפא און אמעריקא, איז צו דער „ארט"-טעטיגקייט צוגעצויגען געווארען די עליטע אין גרויסע טיילם פון דער יודישער געזעלשאפט.

לעאפאלד פיליכאווסקי איז נישט נאר א קונסט-מאלער, נאר אויך איינער פון די אקטיווסטע געזעלשאפטליכע טוער און פערוואלטונגס-מיטגליד פון „ארט" אין לאנדאן.

דער מיטינג זאגט צו צו זיין זעהר אינטערעסאנט און וועט אודאי צו ציהען די ברייטסטע שיכטען פון דער יודישער בעפעלקערונג אין לאדז.

ע. ליכטענשטיין און קאמפ.

די גרעסטע און גליקליכסטע קאלעקטור אין פוילען.

די פירמע עקזיסטירט פון 1835. די צענטראלע פון דער פירמע געפינט זיך אין ווארשא אויף מארשאלקאווסקא 146. 5 פיליאלען זענען אויף דער פראווינץ. אין לאדז—אויף פיעטריקאווער 72.

די פאפולאריטעט פון דער מלוכה-לאטעריע אין פוילען האט פיל צו פערדאנקען דער פירמע, ליכטענשטיין און קאמפ., וועלכע האט פערשטאנען, אויף אנ'אמת אמעריקאנישען אופן, אוועקצושטעלען, ווי געהעריג, די רעקלאמע פון דער לאטעריע.

און א דאנק דער פירמע איז דער געדאנק פון שפילען אויף לאטעריע געווארען אזוי פאפולער; עס שפילען מענשען פון פערשידענע שיכטען, אייניגע מיט די לעצטע פאר זלאטעס אויסצופראבירען דאס מזל: און אפשר? און וועלען די לעצטע פאר זלאטעס ברענגען גליק!

און אפט מאל גליקט עס. די טאבעלע געווינסען פון ליכטענשטיין'ס קאלעקטור בעוויזט: איין געווינס פון 275.000 זל.; איין געווינס פון 250,000 זלאטעס; איין געווינס פון 260,600; איין פון 200,000; איין פון 150,000 זל.; 8 געווינסען צו 100,000 זל.; און עטליכע און צוואנציג געווינסען פון 50,000 ביז 5,000 זלאטעס.

נישט אומזיסט ווערט ליכטענשטיין'ס קאלעקטור אנגערופען די „גליקליכסטע".

וועלענדיג צו הילף קומען די פראווינציעל קליענטען, וועלכע ווילען בעקומען א אמת'ן „ליכטענשטיין'ס" א לאטעריע-בילעט, שיקט די פירמע ארויס אויף פראווינץ, ווי באלד זי בעקומט דעם גענויען אדרעס און ווי עס ווערט איינגעצאהלט אויף דער קאנטא פ.ק.א פון 74-93 די געהעריגע סומע פאר'ן לאטעריע-בילעט, דעם בעשטעלטען בילעט.

עס געהט דער 1-טער קלאס פון דער לאטעריע. די ציהונג קומט פאר היינט, דעם 10. און מארגען, ד. 11. נאוועמבער. דאס הויפט-געווינס 650 טויזענד זל. און אין אלגעמיין דערגרייכט די געווינסען די סומע 20.000.000 זלאטעס.

אזוי ווי א העלפט פון די נומערן געווינען, און דאס גליק פאלגט ליכטענשטיינ'ס קאלעקטורע, פערשטייט זיך, אז מיט'ן גרעסטען ערפאלג ארבייט „ליכטענשטיין און קאמפ." קאלעקטור-פירמע.

יודען און יודען-פרעסער.

אויף דער דאזיגער טעמא ליינט היינט דער בעקאנטער געזעלשאפטליכער טוער ד"ר בעגוסלאווסקי א רעפעראט אין „פילהארמאניע". דער אינטערעסאנטער רעפעראט האט ארויסגערופען א גרויסע אינטערעסירונג אין דער שטאט.

דאס ווארט „Cherbata"

וואס איז אזוי ווי אויבען געשריבען, איז זעלבסטפערשטענדליך א פעהלער. א פיל גרעסערן פעהלער בעגעהט אבער דער, וואס שטרעבט צו גוטען טעע און ער פאדערט נישט

טעע Lyons

א קאטעדרע פאר העברעאיש אויפ'ן אמעריקאנער אוניווערזיטעט אין ביירות.

ירושלים (יט"א) לויט'ן פארשלאג פון דער יודישער קהלה אין ביירות איז אויפ'ן אמעריקאנער אוניווערזיטעט אין ביירות געשאפען געווארען א ספעציעלע קאטעדרע פון דער העברעאישער שפראך.

ווער ווייס?

(:) מאנטאג פריה איז פון דער וואוינונג פון זיינע עלטערן אויף לוטאמירסקא 84 אוועק דער 22-יעהריגער שלמה מאראדייקא און ביז-איצט זיך נישט אומגעקעהרט אהיים.

ער איז געגאנגען אנגעטון אין א קורץ מעלצעל, לאקירטע פאנטאפעל און א שווארצען קאפעלוש. ווער עס ווייס עפעס וועגען איהם, ווערט געבעטען צו מעלדען צו יוסף טאראדייקא אויף דער אויבען-אנגעוויזענער אדרעס.

ווער איז דער קרבן פון שבת-דיגען טראמוואי-אונפאל?

ווי מיר דערוויסען זיך איז דער קרבן פון שבת'דיגען טראמוואי-אומגליק אויף ראג פיעטריקאווער און 6-שערפיען גאס, דער 8-יעהריגער סטאניסלאוו מארכוויצקי, א זוהן פון א פאטשטיליאן, וואס וואוינט אויף ראקיטשינער 37.

ביליגער געווארען ציגארען.

(פ) פון 2. ד. ח. זענען ביליגער געווארען מאנאפאל-ציגארען די מארקען: „בראלאנט", „דערבי", „אימפעריאליס" א. א. מיט 5 גראשען אויף א שטיק.

לאָדזער טאַגעבלאַט

דער רעדאַקטאָר געפֿינט זיך פֿון 6 ביז 7 אין אָוונט.
נישט בעשטעלטע מאַנוסקריפּטען ווערען נישט צוריקגעשיקט.

„Lodzer Tageblat", Łódź, Piotrkowska 16, Skrz. poczt. 16 :אַדרעס
טעלעפֿאָנען: פֿון רעדאַקציע 57. אַדמיניסטראַציע 47.

...י זאָל מען העכערן
...י פּרייזען פֿון לעבענס־מיטלען?

...לעצטענס ווערט זעהר אַ סך גערעדט וועגען דער נידעריגמאַכונג ...פֿערגרעסערן דעם אינערליכען אָפּזאַץ־מאַרק. אַלע זענען מסכים, אַז ...זער פֿערבֿרויך איז אַ מינימאַלער. אַז אַלע בעמיהונגען צו פֿערגרעסערן ...קאָנסומציע האָבען ביז דער לעצטער צייט נישט געהאַט קיין ...פֿאָלג.

...טייל זאַכקענער האָבען געפֿינען אַ רפֿואה צו פֿערגרעסערן די גע־ ...ויכס־פֿעהיגקייטען פֿון אונזער אינערליכען מאַרק דערמיט, וואָס מ'זאָל ...המען העכערע פּרייזען פֿאַר תּבֿואות, חיות, זאָגען זיי, די פּוילישע בע־ ...לקערונג בעשטעהט פֿון 70 פּראָצענט פּויערים, איז במילא, ווען זיי ...עלען מעהר פֿערדינען, וועלען זיי קענען מעהר אויסגעבען און אַזוי אַרום ...ט פֿערגרעסערט ווערען דער געברויך פֿון אינערליכען מאַרק. די דאָ־ ...גע זאַכקענער פֿערגעסען אָבער, אַז טייערער תּבֿואות וועט ברענגען צו ...רות פֿון אַלע אינדוסטריע־אַרטיקלען, און במילא וועט דערפֿון נישט ...ויסקומען קיין שום נוצען. טייער ברויט מוז ברענגען צו אַ העכערונג ...ן אַרבייטס־לוין און אַ טייערער אַרבייטס־לוין בעדייט אַ פֿערקלענערונג ...ן קאָנסומציע.

מיר ווילען דעריבער מיט איניגע ציפֿערן בעווייזען, וואָס פֿאַר אַ ...אָפּעראַציע ס'הערשט צווישען די אַרבייטער־לוינען בייַ אונז און פֿערגלייך ...דייטשלאַנד און אַמעריקאַ.

לויט די סטאַטיסטישע ציפֿערן פֿערדינט אַ גוט־קוואַליפֿיצירטער ...בייטער אין פּוילען 8 זל. טעגליך פֿאַר אַנאַכט שעהדיגען אַר־ ...טס־טאָג.

אויב מ'זאָל, אַלזאָ, אויסרעכענען די געברויכס־מעגליכקייטען פֿון ...פּוילישען קוואַליפֿיצירטען אַרבייטער אין פֿערגלייך צו אַן אַמעריקאַני־ ...ען, צי דייטשען קוואַליפֿיצירטען אַרבייטער וועט אויסקומען, אַז אַ פּוילי־ ...ער אַרבייטער דאַרף אַרבייטען 180 שעה כּדי צו פֿערדינען אויף אַן אַנצוג, ...ען אַן אַמעריקאַנישער אַרבייטער דאַרף אויף אַן אַנצוג נאָר אַרבייטען ... שעה, און אַ דייטשער — 140 שעה; אויף אַ פּאָר קאָמאַשען דאַרף אַן אַ־ ...מעריקאַנישער אַרבייטער אַרבייטען 12 שעה, אַ דייטשער — 25 שעה, און ...פּוילישער 36 שעה; אויף אַ גוטען סאָפּעלוש אין אַמעריקאַ — 10 שעה, ...דייטשלאַנד — 18 שעה, אין פּוילען — גאַנצע 40 שעה. פֿאַר איין שעה אַר־ ...ט קען אַן אַרבייטער בעקומען אין אַמעריקאַ — 10 פֿונט ברויט, אין ...דייטשלאַנד — 5 פֿונט ברויט, אין פּוילען — 3 פֿונט ברויט.

פֿון דעם איז צו זעהן, אַז אפֿילו די אַרטיקלען פֿון ערשטען געברויך ... ברויט און דאָס איינציגע אויך צוקער, מילך א. ד. ג. קען דער אַרביי־ ...ער מעהר בעקומען פֿאַר זיין אַרבייט אין אַמעריקאַ און אין דייטשלאַנד, ... אין פּוילען. און אויף סלמדונג פֿערדינט דאָך אוודאי דער אַרבייטער ... די דערמאָנטע לענדער מעהר, ווי בייַ אונז.

דאָס העכערן די פּרייזען פֿון די תּבֿואות וועט נאָר פֿערקלענערן די ... אויך גענוג קליינע קויף־מעגליכקייטען פֿון די אַרבייטענדיגע מאַסען ... וועט זיי מאַכען אונמעגליך צו זיין פֿערברויכער פֿון אינדוסטריע־ ...טיקלען, ווייל זייער קליינעם פֿערדינסט וועלען זיי דאַרפֿען אויסגעבען ... לעבענס־מיטלען. ווען מ'זאָל אפֿילו העכערן די לוינונג פֿון אַרבייטער ... איניגע פּראָצענט וועט זיך דערמיט די לאַגע כּלל נישט ענדערן ... די דאָזיגע הוספֿה וועט מיט זיך ברענגען אַ שטייגערונג פֿון די אינ־ ...סטריע־אַרטיקלען, און במילא וועט דער אַרבייטער דערפֿון גאָרנישט ...ניסען.

רפֿאל פּעפּער.

...ערנסטע פּוילישע שטים.
...פּלאַן צו קאָלאָניזירען יודען אין פּוילען ווערט ...אין פּוילישער פּרעסע גינסטיג אויפֿגענומען.

כאַראַקטעריסטישער אַרטיקעל פֿון „קוריער צאַרזיעני".

...דער נעכטיגער „אילוסטראָוואַני קור־ ...יער צאַרזיענני" פֿון קראָקאָ ברענגט ...ווערטליך די גאַנצע רעדע פֿון ווי־ ...צע־פּרעזעס פֿון „דזשאָינט" ה' ראָזענ־ ...בערג, וועלכע ער האָט געהאַלטען ...בייַ דער „דזשאָינט"־קאָנפֿע־ ...רענץ אין טשיקאַגאָ בנוגע דער פּלאַ־ ...נען צו קאָלאָניזירען 40 טויזענד ...יודישע משפּחות אין פּוילען.

...די וויכטיגערע טיילען פֿון דער רע־ ...דע זענען געדרוקט מיט פעטע שריפֿט. ...צום סוף גיט צו די רעדאַקציע פֿאָל־ ...גענדע בעמערקונג:

...מיר מיינען, אַז די פּוילישע רעגי־ ...רונג וועט גאָרנישט האָבען דאַגעגען, ...אַז דער „דזשאָינט" זאָל פּראָיעקטירען

סירען דעם גרויס־קאַפּיטאַל פֿון אַמע־ ריקאַ מיט דער פּראַגע וועגען אויסטראַ־ ליען די פּאָלעסיער בלאָטעס, און זיי בעוועגען אונטערצונעהמען די אַרבייטען. זאָל־זשע דער פּאָרשלאַג־געבער ה. ראָזענבערג נישט בלייבען בלויז בייַם פּראָיעקט!".

אין דער ביז־איצטיגער פּראַקטיק זע־ נען מיר צום בעדויערען נישט געוואוינט צו אַזאַ רוהיגען און זאַכליכען צוגאַנג צו אַ יודישען פֿאָרשלאַג.

אַזוי ווי דאָ האַנדעלט זיך וועגען הילף פֿון אַמעריקאַנער־יודישען קאַפּי־ טאַל, געהט מען גאָר אַנדערש צו צו דער פּראַגע. דער כּח פֿון געלד איז ווירקליך אומגעהויער!

...דעמאָקראַטיע אין דעם דרייפֿוס־ פּראָצעס.

...אַן אינטערעסאַנטע דיסקוסיע צווישען ענגלישע דענקער.

...לאָנדאָן (יט"אַ) אין גרויסען ...ענגלישען זשורנאַל „..." אין פֿאָרטשטאָט און ...דענקער אַ זעהר אינטערעסאַנטע ...דיסקוסיע צווישען דעם בעריהמטען ענג־ ...לישען פֿילאָזאָף בערטראַנד ראַססעל און ...פּראָפֿעסאָר ... וועגען פּראָבלעם: ...האָט די דעמאָקראַטיע באַנקראָטירט? ...אין דער דיסקוסיע איז אויך אַרויס־ ...געקומען אַלס אַרגומענט דער ... פּראָצעס. בערטראַנד ראַססעל האָט

ערקלערט, אַז דער פֿערדאַמאַנגס־אַ־רטייל איז נעוועזען מעגליך אין פֿראַנקרייך, נאָר דערפֿאַר, ווייל דאָרט האָט געהערשט אַ ... דעמאָקראַטיע.

דערויף האָט פּראָפֿ. ... געענטפֿערט, אַז נישט דער ברייטער עולם נאָר די כּנטראַליסטען און די אינטע־ ליגענטען האָבען געפּראָבט דעם רעכט, און דער מוב אין פּראָצעס געוואָרען.

באַלפֿור, לאיד דזשאָרדזש, הערבערט סאַמועל און סעסיל
וועגען דעם 10־יעהריגען יובילעאום פֿון דער באַלפֿור־דעקלאַראַציע.

לאָנדאָן (יט"אַ) דאָ איז ערשינען אַ ספּעציעלער העפֿט פֿון ציוניסטישען אָרגאַן „ניו־יודעאַ", אין וועלכען די גרעסטע ענגלישע מלוכה־מענער האָבען פֿערעפֿענטליכט זייערע בעמערקונגען און צוזאַמענהאַנג מיט'ן 10־יעהריגען יובי־ לעאום פֿון דער באַלפֿור־דעקלאַראַציע.

לאָרד באַלפֿור, דער שאַפֿער פֿון דער היסטאָרישער דעקלאַראַציע שרייבט: „10 יאָהר איז פֿאַראיבער זייט עס איז ער־ שינען די דעקלאַראַציע פֿון דער ענג־ לישער רעגירונג וועגען ציוניזם. אין משך פֿון דער צייט איז נישט געשעהן קיין שום פֿאַקט, וואָס זאָל אַרויסרופֿען ספֿקות וועגען דער ריכטיגקייט פֿון דעם שריט. עס איז געמאַכט געוואָרען אַ גרויסער עקספּערימענט, עס האָט זיך געשאַפֿען אַ גאַנץ אייגנאַרטיגע סיטואַציע, וואָס האָט נישט קיין פּרעצעדענס און האָט נישט זיין גלייכען אין דער געשיכטע".

„איך בין איבערצייגט, אַז אויב די שווערקייטען וועלען זיין איבערגעוואונדען דורך די יודישע קהלות פֿון דער גאַנצער וועלט און דער עולם גרויסבריטאַניע, וועט עס געשאַפֿען ווערען אַ היים פֿאַר דער יודי־ שער ראַסע אין לאַנד, וואָס איז אויך איינמאָל פֿערבונדען מיט איהר נאָמען".

לאָרד דזשאָרדזש, וואָס איז געווען פּרע־ מיער־מיניסטער בעת אַרויסגעבען די באַלפֿור־דעקלאַראַציע שרייבט פֿאָלגענ־ דעס: „אויסגעשפּראָכט דורך די געשעהע־ נישען פֿון די לעצטע 10 יאָהר האָט זיך די פּאָליטיק, וואָס שטיצט זיך אויף דער באַלפֿור־דעקלאַראַציע פֿון יאָהר 1917 אַרויסגעוויזען אַלס פֿאָלשטענדיג בערעכ־ טיגט. דאָס אויפֿלעבענדע ארץ ישראל שטעהט אין שאַפֿען און די יודען פֿעסטי־ גען זיך אין דער פֿאָלקער מאַס און דער אויפֿבוי־אַרבייט. עס זענען וואַהרשיינליך ענט־ שטאַנען שווערינקייטען און זיי וועלען נאָך ענטשטעהן און דער צוקונפֿט, ווייל די שווערינקייטען זענען פֿערבונדען מיט די אויפֿגאַבען, וואָס די יודען האָבען זיך געשטעלט אין ארץ ישראל. אָבער דאָס, וואָס איז שוין דורכגעפֿיהרט געוואָרען אין ארץ ישראל, גיט אונז די זיכער־ הייט, אַז די שווערינקייטען וועלען בע־ זייטיגט ווערען, אונטער דער קלוגער פֿון שטאַטסמענישער לייטונג פֿון ד"ר ווייצ־ מאַן לויט די ציוניסטישע בעוועגונג די פֿונדאַמענטען אונטער'ן יודישען נאַציאָ־ נאַלען היים. איך בין איבערצייגט, אַז די יודען וועלען זיך נישט אָפּשטעלען פֿון זייער אַרבייט און וועלען זיך נישט אָפּשטעלען ביז וואַנען זייערע שטרעבונ־ גען און ארץ ישראל וועלען פֿאָלשטענדיג פֿערווירקליכט ווערען".

„די באַלפֿור־דעקלאַראַציע איז געוואָר־ רען אַ בעשטאַנדטייל פֿון ארץ ישראל־ מאַנדאַט און אַ בעוויזען אַ ... פֿון ענגלאַנדס קאָמפּאַטיע און אַ פּאָליטי־ שער צוזאַמענאַרבעט ... די באַלפֿור־דעקלאַראַציע איז געוואָרען אָנערקענט אַלס פֿערפֿליכטונג־ דע דורך אַלע פּאַרטייען און דער מלוכה. ענגלאַנד וועט האַלטען וואָרט, קיין שום קראַפֿט קען איהר און וועט נישט שטער־ רען. זאָלען די יודען מיט דאָס זייערע. ענגלאַנד וועט אויספֿיהרען דאָס, וואָס געהערט צו איהר".

דער ערשטער נציב־העליון און ארץ ישראל סער הערבערט סאַמועל האָט צוגעשיקט פֿאָלגענדע בעמערקונגען: „ווען באַלפֿור'ס דעקלאַראַציע איז ער־ שינען אין יאָהר 1917 אין פֿולען ברען פֿון דער וועלט־מלחמה, וואָס פֿאַר אַ נביא'יש אויג האָט געקאָנט פֿאָראויס־ זעהן, וואָס וועט געשעהן אין 10 יאָהר אַרום? ארץ ישראל האָט זיך אָפּגעריסען פֿון דער טערקישער מלוכה און געוואָרען אַ בעזונדער לאַנד, ענגלאַנד איז בעפֿאָל־ מעכטיגט געוואָרען צו פֿערוואַלטען דאָר־ טען, די יודישע בעפֿעלקערונג האָט זיך דריי־פֿאַליג פֿערמעהרט, פֿמעט דער דרייפֿאַליג פֿערמעהרט בפֿמעט דער גאַנצער דערפֿער, האָט קליינע יודישע פֿאַר־ שטאָט תּל־אביב איז געוואָרען אַזאַ גרויסע שטאָט ווי די אַלטע שטאָט יפֿו. העבּרעאיש איז אָנערקענט געוואָרען פֿאַר די אָפֿיציעלע שפּראַך, און הערשט איצט צווישען דער יודישער בעפֿעלקע־ רונג. דער העבּרעאישער אוניווערזיטעט איז געעפֿענט געוואָרען דורך באַלפֿור'ן אַליין. פֿון 8 ביז 10 מיליאָן פֿונט, וואָס זענען געזאַמעלט געוואָרען אין דער גאַנ־ צער וועלט, איז אַנגעווענדעט געוואָרען און לאַנד, די ענטוויקלונג פֿון דער אינ־ דוסטריע, דאָס פֿויען גאַרטען־שטעט, דאָס ערציהונגס־וועזען, דער עמיגראַנטען־שוץ און דאָס אַלץ איז שוין פֿאַר די אויגען־ רעהסען און רעלט פֿון דער אַראַבישער בעפֿעלקערונג, פֿערקנייפֿט מיט אַ פֿער־ גרעסערונג פֿון זייער וואוילזיין — ווער האָט דאָס געקאָנט פֿאָראויסזעהן, אַז וועלכע גרויסע דערגרייכונגען וועלען געמאַכט ווערען נישט מעהר ווי אין משך פֿון אַזוי צעהנדליג יאָהר.

„עס איז געקומען דער עקאָנאָמישער קריזיס, ישראל לאַנד קען עקאָנאָמישע קריזיסען, בעזונדערס פֿאַר לענדער. און ארץ ישראל געהערט דאָך גלייכצייטיג צו די אַלטע און צו די נייע לענדער".

„ערלויבט מיר אויסדריקען מיין האָפֿ־ נונג און וואונש, אַז דער צווייטער צעהנ־ ליג יאָהרען וואָס ברענגען וועט וועלכע דאָס איינע וועט זיין אַזוי פֿרוכטבאַר ווי דער ערשטער. דאָס איז דער האַנט־ אויס געבונדען פֿאַר שטאַרקען צוזאַמען־ קלאַנג פֿון אַלע רעכטען".

דער בעקאַנטער ענגלישער פּאָליטי־ קער לאָרד ראָבערט סעסיל שרייבט: „איך האָב מיט גרויס אינטערעס זיך צוגעקוקט צו די ערפֿאָלגען פֿון ציוניזם אין ארץ ישראל און אַצינד, צום 10־ יעהריגען יובילעאום פֿון דער באַלפֿור־דעק־ לאַראַציע, בין איך איבערצייגט, אַז דאָס איז געווען אַ קלוגער און ווייטזיכ־ טיגער אַקט.

עס זענען ענטשטאַנען שווערינקייטען און דער פֿערגאַנגענהייט און עס וועלען נאָך זיין שווערינקייטען און דער צוקונפֿט. אָבער בין איך איבערצייגט, אַז זיי וועלען איבערוואונדען ווערען דורך דער קלוגהייט און איבערגעגעבענהייט פֿון די ציוניסטען און זייערע פֿיהרער".

—0—

פּאָרטוגאַל קען ווערען אַ אָפּזאַץ־ געביט פֿאַר לאָדזער טעקסטיל־סחורות
פֿון א. י. בזשעזשינסקי.

אין „לאָדזער טאַגעבלאַט" נומער 234 האָט דער באַרצעלאָנער קאָרעספּאָנדענט ה' אַלעקסאַנדער ראַוויטש אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקעל מכּח די מעגליכקייטען און אויסזיכטען פֿון שליסען אַ האַנדעלס־אָפּ־ מאַך צווישען פּוילען און שפּאַניען. היות ווי איך פֿעראינטערעסיר זיך מיט דער פּראַגע שוין אַ לענגערע צייט און כ'האָב שוין וועגען דעם געפֿיהרט אַ ברייטע קאָרעספּאָנדענץ מיט'ן פּוילישען האַנ־ דעלס־מיניסטעריום, געפֿין איך פֿאַר נויט־ טיג צו געבען דאָ מכּח דעם איניגע אויפֿקלערונגען.

אין מיינע וועגדונגען און אַרטיקלען האָב איך גערעדט נישט נאָר וועגען פּאָרטוגאַל, נאָר אויך וועגען שפּאַניען, דערבייַ האָב איך געלעגט מעהר אַכט אויף אַ האַנדעלס־אָפּמאַך מיט פּאָרטוגאַל, האַלטענדיג, אַז אַזאַ אָפּמאַך וועט מעהר נוצען ברענגען דער פּוילישער אינ־ דוסטריע.

מיר טאָרען נישט פֿערגעסען, אַז אין שפּאַניען האָט זיך לעצטענס ענטוויקעלט די אינדוסטריע, בעזונדערס די טעקס־ טיל־אינדוסטריע. די שפּאַנישע רעגירונג איז דעריבער פֿעראינטערעסירט צו נעה־ מען אַ הויכען צאָל פֿון אויסלענדישע סחורות, כּדי זיי זאָלען נישט קענען קאָנקורירען מיט דער איינלענדישער פּראָדוקציע.

דאָס איינציגע, וואָס קען געגעבען ווערען אין אַכט בייַם האַנדעלס־אָפּמאַך מיט שפּאַניען, איז דער עקספּאָרט פֿון קויהלען און האָלץ. די לעצטע אַרטיק־ לען, אין וועלכע שפּאַניען נויטיגט זיך זעהר, בעציהט זי לעצטענס פֿון רוס־ לאַנד.

אין פּאָרטוגאַל דאַגעגען זענען פֿאַר־ האַן גוטע מעגליכקייטען פֿאַר דער פֿער־ שפּרייטונג פֿון אונזער טעקסטיל־פּראָ־ דוקציע, וואָס אינטערעסירט בעזונדערס אונז, לאָדזער.

ביז היינט ווערען אַריינגעפֿיהרט קיין פּאָרטוגאַל סחורות פֿון ענגלאַנד, אי־ טאַליען און טשעכאָסלאָוואַקיען. ס'איז־ טעריליגט נישט קיין שום ספֿק, אַז אונ־ זערע טעקסטיל־סחורות זענען בכּח צו קאָנקורירען מיט די אַנדערע. אָבער ס'זענען פֿאַראַן אַ ריי מניעות, וואָס שטערען דאָס רעאַליזירען דעם האַנ־ דעלס־אָפּמאַך מיט פּאָרטוגאַל און אויך מיט שפּאַניען.

אין דער ערשטער ריי זענען צו מניעות פֿון פּאָליטישען כאַראַקטער, אַ חוץ דעם זענען אויך דאָ קאָמוני־ קאַציע־שוועריגקייטען.

נישט קוקענדיג אָבער אויף די שווע־ ריגקייטען קען מען בייַ אַ געגענזייטיגען ווילען און בייַ אַ געהעריגער פּערזאָנ־ טערעסירונג און אָנשטרענגונג דערפֿיה־ רען דעם ענין צו אַ גליקליכען סוף. אויף מיין בריף צום פּוילישען האַנדעלס־ מיניסט., אין וועלכען כ'האָב אילוסטרירט מיט פֿאַקטען און ציפֿערן און אפֿילו בייַ־ געלעגט מוסטערן פֿון סחורות, וועלכע קענען געגעבען ווערען אין בעטראַכט אַלס אָבזאַץ־אַרטיקלען פֿאַר פּאָרטוגאַל, האָב איך בעקומען פֿאָלגענדען ענטפֿער:

„אַלס תּשובֿה אויף אייער בריף פֿון 9. אויגוסט ה. י. דריקט אייך אויס דאָס מיניסטעריום פֿאַר האַנדעל און אינ־ דוסטריע אַ דאַנק פֿאַר אייער רשימה און אויסצוגען פֿון די סחורות, וואָס קע־ נען קומען אין בעטראַכט אַלס אויסטויש־ אַרטיקלען צווישען פּוילען און פּאָרטו־ גאַל. דאָס מיניסטעריום בעשטעטיגט צוג־ לייך מיט, אַז די פּראַגע וועגען שליסען אַ האַנדעלס־אָפּמאַך מיט פּאָר־ טוגאַל איז איצט אַ דרינגענדער ענין, און דאָס מיניסטעריום פֿאַר האַנדעל פֿערנעהמט זיך דערמיט.

דאָס מיניסטעריום פֿאַר האַנדעל און אינדוסטריע איז שוין זינט אַ ריי יאָה־ רען גרייט צו רעגולירען די האַנדעלס־ בעציהונגען מיט שפּאַניען און פּאָרטוגאַל, ס'זענען אָבער פֿאַראַן אַ ריי מניעות, וואָס פֿערשלעפּען דאָס אָפּשליסען די האַנדעלס־אָפּמאַכען מיט די אויבענדערי־ מאָהנטע לענדער.

איינע פֿון די הויפּט־מניעות, איז דאָס פֿעהלען פֿון אַ רעגולערער ים־קאָמוני־ קאַציע. דאָס קען ברענגען דערצו, אַז פּוילען זאָל אַריינפֿיהרען פֿון שפּאַניען און פּאָרטוגאַל האָלבע און גאַנצע לוקס־ סוס־אַרטיקלען, בעת פּוילען וועט נישט האָבען קיין מעגליכקייט צו עקספּאָרטי־ רען אין די דאָזיגע לענדער איהרע רוי־שטאָפֿען און פֿערטיגע סחורות.

אַ חוץ דעם פֿיהרט די שפּאַנישע רע־ גירונג לעצטענס אַ פּראָטעקציע־סיסטעם, און דאָס בעשווערט שטאַרק דאָס אָנהוי־ בען צו פֿיהרען קאָנקרעטע אונטער־ האַנדלונגען מיט דעם לאַנד און במילא אויך מיט פּאָרטוגאַל, ווייל די ביידע טראַקטאַטען מוזען געשלאָסען ווערען גלייכצייטיג.

יעדענפֿאַלס בעט איך דאָס מיניסטע־ ריום ווייטער צוצושיקען מאַטעריאַל וועגען די מעגליכקייטען פֿון האַנדעלס־ בעציהונגען מיט פּאָרטוגאַל.

אונטערגעשריבען
מיניסטעריאַל־ראַט
(—) ז. לאַנדוי".

תּיכּף נאָכ'ן ערהאַלטען דעם דאָזיגען בריף האָב איך אָנגעגעבען ווייטערדיגע שריט צוצואיילען דאָס שליסען האַנדעלס־ אָפּמאַכען מיט די ביידע לענדער, בעי־ זונדער אָבער מיט פּאָרטוגאַל. ווייל, ווי כ'האָב שוין אָנגעוויזען, איז דאָרט פֿאַר־ האַן אַ גוטער פּלאַץ פֿאַר אונזער טעקס־ טיל־אינדוסטריע.

—0—

לעזט, אַבאָנירט
— דאָס —
„לאָדזער טאַגעבלאַט".

דער יודישער בעל־מלאכה אין רוסלאַנד.

(איינדרוקען פֿון מיין רייזע)
פֿון ס. דינגאָל,
רעדאַקטאָר פֿון „טאָג".

אין האָט בייַ זיך פּלוצים לערן־יינגלער אַרויסצוהעלפֿען איהם.

איך האָב זיך אַזוי לאַנג פֿערשפּעטיגט דאָ וועגען דער רעכטלאָזער לאַגע פֿון די קוסטאַרען, ווייל זיי זענען איצט אַ הויפּט־ פֿאַקטאָר עלעמענט און יודישען לעבען פֿון רוסלאַנד און זיי שטעלען מיט זיך פֿאָר אַ פֿיל גרעסערע צאָהל, ווי די יודישע אַרבייטער, וועלכע אַרבייטען און די פֿאַבריקען.

נים קוקענדיג אויף זייער גוטער פּאָ־ ליטישער לאַגע און די אַלע היתּרים, וואָס זיי ווערען געגעבען מצד דער רעגירונג, איז דאָך זייער עקאָנאָמישע לאַגע זעהר אַ קלעגליכע, און עס איז גוטיג, אַז די אַמעריקאַנער יודען זאָלען וויסען, אַז מען קאָן זיי העלפֿען נים ווענדיג, ווי די יודישע קאָלאָניסטען, און מען דאַרף פֿאַר דעם האָבען ווייניגער געלד, ווי פֿאַר דער יודישער קאָלאָניזאַציע. מען דאַרף נאָר האָבען אַ גוטע אָרגאַניזירטע אַפּאַ־ ראַט פֿון פֿעהיגע געשעפֿטס־מענשען, וועלכע די אַמעריקאַנער יודען לייגען צו־ שטעלען. פּרי צו בעזעצען אַ יודישע פֿאַ־ מיליע אויף לאַנד איז נויטיג אַרום 3.000 רובל. מען קאָן אָבער אַ יודישען קוסט־ מאַכער בעזעצען בייַ אַ ווערקשטאַט און איהם געבען אַ מעגליכקייט צו פֿערדינען זיין חיונה מיט אַ סומע פֿון בלויז 300 רובל. אָבער איבערגעבען איהם די 300 רובל וואָלט איהם זעהר וועניג גערעכ־ ענט. אין דעם נויטיגען אָרגאַניזאַציאָנס־ אַפּאַראַט, וועלכער זאָל אַנפֿיהרען מיט דער אַרבייט.

די „יקאָ" טוט אַ ביסעל נוצליכע אַרבייט אויף דעם דאָזיגען געביט. זי האָט אין ווייסרוסלאַנד איצט 183 לויי און שפּאָר־קאַ־ סעס, וועלכע העלפֿען די קוסטאַרען מיט זיי מיט חובֿות און העלפֿען זיי אויך אַר־ גאַניזירען קאָאָפּעראַטיווע פֿערייניגונגען. דאָס איז אָבער ווי אַ טראָפּען אין ים פֿאַר די 200.000 קוסטאַרען, וועלכע זענען אין אַ פֿאַל איבער 1000 רוסישע שטעט און שטעטלעך. די פּראָבלעמען פֿון די קוסטאַרען זענען גאַנץ אַנדערע, און ... צו העלפֿען זיי מוז מען זיי גאַנץ נים פֿערשטעהן.

די צאָהל יודישע קליינע בעלי־מלאכות אין רוסלאַנד, אַזעלכע ווי זיי רופֿען זיך איצט דאָרטען „קוסטאַרען", בעטרעפֿט פֿון 175,000 ביז 200.000.

דאָס זענען די אַמאָליגע קליינשטעטל־ דיגע שניידער און שוסטער, סטאָל־ יער און פֿלעכערים, וועלכע האָבען געהאַט זייער ווערקשטאַט בייַ זיך און דער היים, און אַ ציממער, וואָס איז געווען בייַ־ טאָג דער ווערקשטאַט און בייַנאַכט דער שלאָף־ציממער, און האָבען געהאַלטען עט־ ליכע געזעלען בעלי־מלאכות, מיט וועל־ כע זיי האָבען געאַרבייט צוזאַמען בייַם טיש און האָבען זיך פֿרייטאג פֿאַר־נאַכט געטיילט מיט די שכירות.

אין זייער לעבען האָט די רוסישע רעוואָלוציע און דער נייער קאָמוניסטי־ שער רעזשים אַריינגעבראַכט גאַנץ קליי־ נע ענדערונגען און אַ סך מיספֿערשטענד־ נישען.

באַלד נאָך דער רעוואָלוציע איז זייער יחוס נים געווען קלאָר פֿאַר די קליינ־ שטעטלדיגע קאָמוניסטען. פֿון איין זייט זענען די בעלי־מלאכות מענשען, וואָס אַרבייטען אַליין מיט זייערע איינענע הענט, אמת'ע האַראַפֿאַשניקעס, גאַנץ חוץ קבצנים, וועלכע זענען, ראַלט זיך, בערעכטיגט בעטראַכט צו ווערען אַלס אַרבייטער; פֿון דער צווייטער זייט אָבער בעשעפֿטיגען זיי עטליכע אַרביי־ טער, זענען זיי דאָך עקספּלאָאַטאַטאָרען, בלוטזויגערס, בורזשואַזען, וועלכע מען דאַרף עוקר מן השורש זיין.

אט די פּראַגע האָט אַרויסגערופֿען אַ רעכט שטאַרקע צווישען קאָמוניסטען פֿון פֿער־ שידענע געגענדען, און עס איז דערגאַנ־ גען אַזוי ווייט, ביז עס האָט דערגרייכט צום צענטראַל־קאָמיטעט פֿון דער קאָ־ מוניסטישער פּאַרטיי, וואָס האָט גע־ מוזט נעמען אַ „שטעלונג" צו דער פֿראַ־ גע און אַרויסגעבען אַ דעקרעט, אין וועלכען די קוסטאַרען ווערען בעטראַכט אַלס אַ פּראָדוקטיווער עלעמענט און מען דאַרף זיי העלפֿען צו ענטוויקלען זיך און זיי געבען פֿערשיידענע הנחות, סיי אין שטייערן סיי אין אַנדערע פּינקטען, ווי בילדונג, מעדיצינישע הילף א. אַז. וו.

וועלכט פֿערשטענדליך, אַז אַלס סיס־ טער ווערט בעטראַכט נאָר אַזאַ בעל־ מלאכה, וועלכער בעשעפֿטיגט נים קיין פֿרעמדע אַרבייטער. נאָר אַרבייט אַליין

דער קוסטאַר בעדאַרף פֿון אַ ציבעטאַל איז, אַז ער טאָר נים בעשעפֿטיגען קיין נע־ ... מיט שעהן, דאָס היינט, אַז דער שניידער דאַרף אַליין געהן קויפֿען דעם שטאָף. האָט ער דאַרף אויפֿנעהמען; ער דאַרף אַליין ברענגען צו זיך דעם שטאָף און אויפֿנעהמען דעם מאָס. דערנאָך דאַרף ער אַליין פֿערקויפֿען דעם פּגר. טויט אַ באָר שניידער איז עס נאָך נים אַזוי שווער ווייל אַ שניידער, וואָס אַרבייט אויף אַ בעשטעלונג, קריגט געוועהנליך דעם שטאָף פֿון זיין קונה, און ווען דער פּגר ווערט פֿערטיג, קומט דער קונה איהם אָפּנעהמען. אָדער דער שניידער טראָגט עס איהם אַליין אַהיים. שטעלט זיך אָבער פֿאַר די יודישע קירזשנער, וועלכע מאַכען הימלען צום פֿערקויפֿען. די קירזשנער זאַר דאַרפֿען זיי געהן און דער רעגיערונג קראָם קריגען די סחורה אויף אויסצאַר־ ביימען די הימלען. דערויף קומט אַפֿט אויס צו פֿערלירען אַ טאָג, ביז מען קריגט די סחורה. ס'פּאַסירט גאַנץ אָפֿט אַז דער אונטערשלאַג און די דאָשיגע וואָס זענען נויטיג פֿאַר די הימלען, גע־ פֿינען זיך נים אין צווייַ בעזונדערע רעגי־ רונגס־קראָמען; און נאָכדעם ווי מען קומט אַהין און מען שטעהט אַ שעה'ן לאַנג וואַרטענדיג, געפֿינט מען אויס, אַז דער סאָרט מאַטעריאַל איז גראָד אויס־ געפֿאַנגען און קען נעמע איז נאָך נים אָנ־ געקומען. ווען מען איז פֿערטיג מיט־ דיג און מען קריגט שוין די אַלע ריוה־ מאַטעריאַלען פֿאַר דער אַרבייט, דאַרף מאַלט דאַרף מען ערשט געהן צייַען און וועצען זיך אַרבייטען. ווען די סחורה ווערט פֿאַרטיג, דאַרף מען אַליין אַרויס־ געהן אין מאַרק און פֿערקויפֿען עס.

אַ קוסטאַר, וועמען עס גים זיך אין צו פֿערלירען בלויז צוויי טעג אין דער וואָך אויף זוכען רויה־מאַטעריאַלען און פֿערקויפֿען זיין סחורה, און עס בלייבען איהם פֿיער טעג און דער וואָך צו אַר־ בייטען, בעטראַכט זיך פֿאַר אַ זעהר גליק־ ליכען.

שטעלט זיך פֿאָר, וואָס פֿאַר אַ גרויסע הילף עס וואָלט געווען פֿאַר דעם קוסטאַר ווען אַ „ק. סטאַרען"־געזעלשאַפֿט וואָלט געהאַט צענטראַלען, פֿון וואַנען יעדער איינער וואָלט געקאָנט בעקומען זיינע רויה־מאַטעריאַלען; שטעלט זיך פֿאָר,

(ענדע—זייט 6).

לאָדזער כראָניק.

מאָרגען — יום-טוב.

(ט) מאָרגען פרייטאָג דעם 11. נאָ[ו]עמבער, איז דער 9. יאָהרטאָג פון פּוילען'ס בעפרייאונג וועלען אַלע ביוראָס און מאַגיסטראַט-אַמטליכע גישט טעטיג זיין.

נאַטעם-דינסט אין דער אַלט-שטאַטישער שוהל אין יום-טוב פון 11 נאָוועמבער.

(ג) צו דער פייערליכער תפלה אין דער אַלטשטעטישער שוהל אין צוזאַמענהאַנג מיט'ן 9. יאָהרטאָג פון פּוילען'ס בעפרייאונג, וואָס פאַלט אויס מאָרגען, דעם 11. ד. ח. זענען מצד דער לאָדזשער קהלה דעלעגירט געוואָרען די ה"ח: דעפּ. ד"ר ראָזענבלאַט, אלי' כאַרא און גרשון נייטאַן.

„11. נאָוועמבער-נאַם".

(ט) אויפ'ן פאָרשלאַג פון קאָמיטעט צו פייערן דעם 9. יאָהרטאָג פון פּוילען'ס בעפרייאונג, האָט דער מאַגיסטראַט בעשלאָסען אַבצירופען איינע פון די לאָדזער גאַסען מיט'ן נאָמען „11. נאָוועמבער גאַס".

חרטה האָט איהם געטריבען צום טויט.

פּרטים פונ'ם טראַגישען זעלבסטמאָרד אויף ציגעל-גאַס.

(—) ווי מיר דערוויסען זיך, איז די סבה פון זעלבסטמאָרד, וואָס עס איז פאָרגעקומען מיט דער יודישער סטודענט פתריאל מאָגוויצקי, געווען דאָס, וואָס ער האָט זיך מיט 2 טעג פריהער געהאַט צוקריגט מיט זיין יינגערען ברודער, וואָס איז צוליב דעם אַוועק פון דער היים. דער האַוויגער יינגערער ברודער האָט שוין אַמאָל געוואָלט בעגעהן זעלבסטמאָרד. פתריאל מאָוויצקי האָט זיך דעריבער שטאַרק אוי-

פערגעשראָקען מיט'ן געהיימניספולען פערשוואונדען פון זיין ברודער, רעכענענדיג, אַז ער איז געווים בעגאַנגען זעלבסטמאָרד.

זיין חרטה איז פערצווייפלונג איז געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט אַליין בעשלאָסען זיך דאָס לעבען צו נעמען.

אַ האַלבע שעה פאַר דער לויה פון זעלבסטמערדער, איז דער פערשוואונדענער יינגערער ברודער צוריקגעקומען און ערקלערט, אַז ער איז די צוויי טעג געווען אַרעסטירט.

דער זעלבסטמערדער האָט געהאַט אַ גרויסע לויה. פיל פריינד האָבען איהם'ן בית עולם געהלש'ט. דער רושם איז שטאַרק און געווען זעהר גרויס.

* * *

די 18-יעהריגע חנה בורענבערג פון מישעווסקער 46, אַ שניידערין האָט זיך פערסמ'ט מיט יאָדינע. דער פאָגאָטאָווווייע-דאָקטאָר האָט איהר איינגעשפּריצט דעם מאָגען און זי אינפערגעלאָזט אין דער היים. די סבה פון זעלבסטמאָרד איז נישט בעוואוסט.

— דער 26-יעהריגער אברהם גראַ פון אַלעע 1. מאַי 2, אַ שוסטער, האָט זיך געלעגט פערסמ'ט. דער פאָגאָטאָווווייע דאָקטאָר האָט איהם ערטיילט הילף און איבערגעלאָזט אין דער היים. די סבה פון זעלבסטמאָרד — נויט און פערצווייפלונג.

— די 34 יעהריגע מאַריאַנאַ מאָגבלאָווסקאַ פון זאַוואַדזקאַ 2 האָט זיך פערסמ'ט מיט אַרשעניאַק. דער פאָגאָטאָווי-דאָקטאָר האָט איהר ערטיילט הילף. שוין צום דריטען מאָל ווי מאָגבלאָווסקאַ פרובט צו נעמען זעלבסטמאָרד. די סבה — נערווען-צוזאַמענבראָך.

— וולאַדיסלאַווא פריק פון פּיענקנאַ 34 האָט זיך אַנגעטרונקען מיט יאָדינע. איינער די פאָגאָטאָווייע און געקומען איז די זעלבסטמערדערין אַנטלאָפען פון שטוב, נישט וועלענדיג מען זאָל זי ראַטעווען פון טויט.

די קהלה וועט געבען שטיצע נאָר איך אויסערגעוועהנליכע פאַלען.

(ג) נעכטען בייטאָג איז אונטער'ן פאָרזיץ פון צרוי. ווייצמאַן פאָרגעקומען אַ זיצונג פון דער קאָמיסיע פאַר סאָציאלער הילף ביי דער קהלה. צו דער זיצונג זענען גערופען געוואָרען פיל אַרימע לייט, וועלכע האָבען אַפּגעגעבען בימעס וועגען שטיצע. קיינער פון די רעפּלעקסטאַנטען האָט אָבער קיין שטיצע נישט בעקומען צוליב די חלוקי-דעות צווישען די מיטגלידער פון דער קאָמיסיע. מחמת דעם איז אָנגענומען געוואָרען אַ פּרינציפּיעלער בעשלוס, אַז שטיצע זאָל אַרויסגעגעבען ווערען נאָר און זעהר נויטווענדיגע פאַלען, ווי בעת אַ געפעהרליכער קראַנקהייט א.ד.גל.

פון דער קהלה.

(ג) מאָרגען דאָנערשטאָג אָוונט וועט פאָרקומען אַ זיצונג פון דער בודזשעטקאָמיסיע ביי דער קהלה. עס וועלען בעטראַכט ווערען די ווייטערדיגע פאָזיציעס פון בודזשעט פאַר 1927.

פאַר נישט פערלענגערן דעם טערמין פון דער קאַרטע „פּאָביטו".

דראָהט גרויסע שטראָף און אַרויסגעשיקט צו ווערען פון לאַנד.

(§) די וואָיעוואָדזשאַפט האָט נעכטען אַרויסגעגעבען אַ פעראָרדנונג, לויט וועלכער אויסלענדער זענען מחויב צו פערלאָזען די גרענעצען פון פּוילען אין טערמין, וואָס איז בעשטימט אין דער „קאַרטאַ פּאָביטו" אויב דער טערמין איז נים פערלענגערט געוואָרען דורך דער אַדמיניסטראַציווער מאַכט פון דער העכסטער אינסטאַנץ.

ביטעס וועגען פערלענגערן דעם טערמין פון בלייבען אין לאַנד דאַרף מען אָבגעבען פריהער איידער דער טערמין פליסט אָפּ, פערשפּעטיגטע ביטעס אַהן אַ געהעריגער מאָטיווירונג וועלען נישט גענומען ווערען אין אַכט.

די, וואָס וועלען פערבלייבען אין לאַנד אַהן אַ געהעריגער ערלויבניש וועלען בעשטראָפט ווערען מיט 3000 זל. אָדער 6 וואָכען אַרעסט און אויך אויף איינגענע קאָסטען צוגעשטעלט ווערען צו דער גרענעץ אַרויסגעשיקט צו ווערען פון לאַנד.

שפּראַך-קורסען פאַר עמיגראַנטען

ביי דער יודישער צענטראַלער עמיגראַציע-געזעלשאַפט (יעאַס)

וועלענדיג פערלייכטערן דעם גורל פון די יודישע עמיגראַנטען, וואָס וואַנדערן אויס אין די לענדער פון דרום- און צענטראַל-אַמעריקא, האָט די היגע אַבטיילונג פון דער יודישער צענטראַלער עמיגראַציע-געזעלשאַפט בעשלאָסען צו גרינדען קורסען פאַר דער שפּאַנישער שפּראַך, ווי אויך פאַר די עמיגראַנטען, וואָס פאָהרען קיין אַמעריקא, קאַנאַדאַ, אויסטראַליען און דרום-אַפריקא — קורסען פאַר דער ענגלישער שפּראַך. אָהן דער אָרטיגער שפּראַך איז דער עמיגראַנט אַ שטומער מענש, עס איז איהם שווער אויסצוגעפינען זיין קרוב, צו בעקומען בעשעפטיגונג אָדער בכלל זיך איינצוּאָרדנען. ער קאָן אויך גיכער אַריינפאַלען אין די הענד פון פערשידענע שווינדלער. דורך די קורצצייטיגע קורסען, וואָס די עמיגראַציע-געזעלשאַפט אָרדענט איין, וועלען די עמיגראַנטען האָבען די געלעגענהייט זיך צו פּעקענען מיט דער שפּראַך פון דעם איינוואַנדערונגס-לאַנד און דאָס איז צו האָפען, אַז זיי וועלען אַרויסרופען אַ שטאַרקע פּאַראינטערעסירונג אין די עמיגראַנטען-קרייזען.

איינשרייבען קאָן מען זיך טעגליך אין דער ביוראָ פון דער עמיגראַציע-געזעלשאַפט, פּאָלודניאָוואַ 8, פון 10 ביז 3 בייטאָג און פון האַלב אַכט ביז ניין אין אָוונט, חוץ פרייטאָג און שבת.

דערשאָסען זיך אַ אינזשעניער פון דער עלעקטראָוניע.

(:) נעכטען פריה איז בעגאַנגען זעלבסטמאָרד דער אינזשעניער אַנטאָני בראָדניצקי, וואָס איז געווען אָנגעשטעלט בעי דער עלעקטראָווניע. בראָדניצקי האָט געוואוינט אויף פּשעיאַזד 37. געסען אין דער פריה זענען די שכנים פּלוצלינג איבערציטערט געוואָרען פון אַ רעוואָלווער-שאָס. בעת די שכנים זענען אַריין אין זיין שטוב, האָבען זיי בראָדניצקי'ן געפינען אין אַ ק[אַלוזשע] בלוט מיט אַ דורכגעשאָסענער [קאָפּ]. די פּאָליציי איז נישט געלונגען [אויס]צושטעלען די סבה פון זעלבס[טמאָרד]. בראָדניצקי איז געווען אַ חתן און בקרוב געזאָלט חתונה האָבען. אין עלעקטראָוניע איז ער אָנגע[זעהן] אַלס זעהר פלייסיגער און אַרבייט[זאַמער] מענש.

די אויפלעבונג פון שטיבעל-פערלאַג.

אַנ'אַפּעל צו די ליבהאָבער פון דער העברעאישער ליטעראַטור.

אַלע פריינט פון דער העברעאישער ליטעראַטור ווייסען בעשטימט וועגען דעם קריזיס פון שטיבעל-פערלאַג — דער גרעסטער פערלאַג, וועלכען ס'פערמאָגט די נייע-העברעאישע ליטעראַטור. צעהן יאָהר האָט עקזיסטירט אַז דער גרויסער שטיבעל-פערלאַג נור אַ דאַנק דעם הערן א. י. שטיבעל, וועלכער האָט געבראַכט פאַר זיין פערלאַג אומגעהויערע גייסטיגע און מאַטעריעלע קרבנות. צום גרויסען בעדויערן, האָבען זיך ביי אונז נישט געפונען מענשען, וועלכע זאָלען קומען צו הילף דעם גרעסטען העברעאישען פערלאַג, וועלכער איז בעשאַפען געוואָרען נישט צוליב מסחר, נאָר צוליב נאַציאָנאַלע צוועקען, כדי צו ענטוויקלען אַ מאָדערנע ליטעראַטור אין דער העברעאישער שפּראַך — אַ לעבענסוויכטיגע פאַר דעם אויפוואַקסענדען דור, ביחוד אין ארץ-ישראל. אָבער נישט קוקענדיג אויף דעם שווערען קריזיס און די פּאַסיווע בעציהונג פון דעם יודישען צבור צו דעם אידעאַל פון אַ מאָדערנער העברעאישער ליטעראַטור, איז דער שטיבעל-פערלאַג ווידער אויפגעלעבט און ווייטער אַרבייטען!

א. י. שטיבעל האָט זיך צו אונז געווענדעט און אונז געבעטען מיר זאָלען ערפילען אונזער חוב צו דער העברעאישער ליטעראַטור און בעניי'ען דעם שטיבעל-פערלאַג. אמת, פאַר אונז איז דאָס זעהר אַ שווערע אויפגאַבע, אָבער מיר געפינען, אַז מיר האָבען נישט קיין מאָראַליש רעכט צו שטעהן פון ווייטען, ווייל מיר ווייסען, אַז דער חורבן פון אַזאַ פערלאַג וועט זיין אַ חרפּה פאַר אונז, פאַר אונזערע פריינט, די פריינט פון דער העברעאישער ליטעראַטור. מיר האָבען געזוכט חברים, וועלכע זאָלען אונז קומען צו הילף, און ס'האָט זיך אונז איינגעגעבען צו בעניי'ען דעם שטיבעל-פערלאַג אויף אַ געזונטער באַזיס. איצט איז אין בערלין געגרינדעט געוואָרען דער בעניי'טער „שטיבעל-פערלאַג" אונטער דער פיהרונג פון דעם בעוואוסטען פערלעגער ה' בענדעט כהן (דער איינהאָבער פון „ילקוט") און אונטער דער מיטאַרבייט פון ד"ר ש. ראַווידאָוויץ, (דער גרינדער פון „עינות"). די נייע געזעלשאַפט טרעט צו צו דער אַרבייט מיט גרויס האָפנונג און פיל ענערגיע. אָבער די פריינט פון דער העברעאישער ליטעראַטור מוזען נעהמען אַנ'אַקטיווען אַנטייל אין אויפבוי פון דעם נייעם שטיבעל-פערלאַג. פרי דער פערלאַג זאָל שטעהן פעסט, מוז ער האָבען שטענדיגע אַבאָנענטען-מיטגלידער. אין דייטשלאַנד, צום בייספּיל, עקזיסטירען פיל פערלאַגס-געזעלשאַפטען, וועלכע האָבען הונדערטע טויזענטער מיטגלידער-אַבאָנענטען. יעדער מיטגליד פון אַזאַ פערלאַגס-געזעלשאַפט בעקומט די ביכער נישט דורך אַ צווייטע האַנט, נאָר דירעקט פון דעם פערלאַג. ס'איז אַ דאָפעלטע נוץ: דער פערלאַג איז געזיכערט און די מיטגלידער בעקומען די ביכער פיל ביליגער.

אַ העברעאישער פערלאַג קאָן נאַטירליך נישט האָפען אויף אַזאַ גרויסען מאַרק ווי אַנ'אייראָפּעאישער פערלאַג, נאָר דער שטיבעל-פערלאַג בעגניגענט זיך מיט ווייניג: מיט צוויי טויזענט מיטגלידער-אַבאָנענטען, אַ צאָל, וואָס דאָס יודישע פאָלק קאָן און מוז געבען.

יעדער מיטגליד קריגט אַלע ביכער, וועלכע דער שטיבעל-פערלאַג וועט אַרויסגעבען מיט אַ הנחה פון 40 פּראָצ. פון אַ ברוטאָ פּרייז. אַ מיטגליד איז דער, וועלכער צאָהלט איין זיבען אַ האַלב דאָלאַר, דערפאַר קריגט ער נייע ביכער אין אַ ברוטאָ-פּרייז פון 12 אַ האַלב דאָלאַר „התקופה" באַנד 24, „איליאַס" — ערשטער באַנד, „גאָרגיאַס" פון פּלאַטאָן און דער סוף פון „זשאַן קריסטאָף" — וועלען ערשיינען ענדע 1927. דער יובילאָום-באַנד פון „התקופה" באַנד 25 — וועט אַרויסגעהן אין חודש ניסן תרפ"ח, צום צעהן-יעהריגען יובילעאום פון ערשיינען פון דער ערשטער „התקופה" אין מאָסקווא. די אַלע איבעריגע ביכער וועלען אַרויסגעהן אין יאָהר 1928. יעדע מיטגליד קאָן אויסקלויבען פערשידענע ביכער פון דער רשימה אין אַ ברוטאָ-פּרייז פון 12 אַ האַלב דאָלאַר — פאַר אַ פּרייז פון 7 אַ האַלב דאָלאַר, וועלכע ווערען אָנגעצאָהלט אין צוויי ראַטען: 4 דאָלאַר ביי דער אַבאָנירונג און די איבעריגע 3,50 דאָלאַר — נאָך דעם בעקומען פון דעם ערשטען בעשטעלטען טוך.

די פריינט פון דער העברעאישער ליטעראַטור וועלען געוויס פערשטעהן די וויכטיגקייט פון אונזער אויפגאַבע. מיר גלויבען, אַז מיר האָבען דאָס רעכט צו פאָדערן פון אַלע אונזערע קולטור-עסקנים, העברעאישע לעהרער און שריפטשטעלער, „תרבות"-טוער און נאַציאָנאַלע יודען בכלל, אַז זיי זאָלען אונז קומען צו הילף בעפעסטיגען דעם נייעם שטיבעל-פערלאַג, וועלכער האָט די גרעסטע בעדייטונג פאַר די רענעסאַנס פון דער העברעאישער ליטעראַטור אין ארץ-ישראל און אין גלות.

1927 — 35 — 1892

פילהאַרמאָניע — נאַרוטאָוויטש 20

צו דעם 35-יעהריגען יובילעאום

פון דעם בעליבטען טעאַטער-דירעקטאָר און אונטערנעמער

ה' איסר בעזמאַן

וועט מיטוואָך, דעם 16 נאָוועמבער, בעגעבען ווערען לכבוד דעם יובילאַר

א פייערליכע

יובילעאום-פאָרשטעלונג

ס'וועט געשטעלט צום 1-טען מאָל די אָפּערעטע אין 3 אַקטען מיט פּראָלאָג

יודעלע'ס בר-מצוה

פון טאָמאַשעווסקי'ן, מיט דער בעטייליגונג פון די אַמעריקאַנער סטאַרס

אַנאַ און היימאַן יאַקובאָוויטש

די אָפּערעטע איז געשפּילט געוואָרען אויף די אַמעריקאַנער און וואַרשאַווער ביהנעס מיט גרויס ערפאָלג.

בילעטען שוין צו בעקומען אין דער קאַסע פון פילהאַרמאָניע.

קאָנטראָל-פערזאַמלונג פון רעזערוויסטען.

ווער דאַרף זיך היינט שטעלען

(ג) דאָס מיליטעריש-פּאָליציי[יש]ע ביוראָ ביים מאַגיסטראַט מאַכט בע[קאַנט] אַז עס קומען פאָר די קאָנטראָל-פע[ר]זאַמלונגען פאַר רעזערוויסטען און לאַנדשטורם מיט געוועהר (קאַט. A, C ...) C 1) פון די יאָהרגענג 1898, 1901 אויך יענע שרעגאָווצעס פון 1887, 1899, 1901, 1898 און 1890, וואָס האָבען געדאַרפט שטעלען צו די קאָנטראָל-פערזאַמלונגען אין די יאָהרען 1925-6 צוליב פערשידענע סבות האָבען ... נישט געטאָן.

היינט, מיטוואָך, דעם 10. נאָוועמבער דאַרפען זיך צושטעלען (פּ. ק. ...) אין דער קאָמיסיע נומער 1 (...) יאָהרגאַנג 1901 פון 7. קאָמיסאַריאַט A ביז F.

אין די קאַשאַרען קאָנסטאַנטינ[אָווסקאַ] יאָהרגאַנג 1899 היינט, ד. 10. ... בער פון 13. קאָמיסאַריאַט — L ... יאָהרגאַנג 1899 פון 2, 3, 5 ... און 11. קאָמיסאַריאַט היינט, ... Sp ביז Sy.

די קאָנטראָל-פערזאַמלונגען הויבען [אָ]ן 9 פריה, מען דאַרף מיטנעהמען ... טערישע ביכלעך, דעמאָביליזאַציע ... א. א. שטעלען דאַרף מען זיך ... ליך אין דער צייט.

נאַכט-דיזשור אין די אַפּטייקען.

(§) היינט דיזשורירען פאָלגענדע ... טייקען: ליפּיעץ, פּיעטריקאָווער ... סילער, פּיעטריקאָווער 46, גראָשקע ... קאָנסטאַנטינער 15, גערקנער, ... גאַס 64, ניעוויאַראָווסקי. אַלעקס ... 37, יאַנעלעוויטש, אַלטער מאַרק ...

לאָדזער זאַקען-פאַבריק ... מען אַ אויסצייכנונג איז פּאַ[ריז]

די אויסשטעלונג אין פּאַריז, וואָס ... פאָרגעקומען דאָס יאָהר אונטער'ן ... טעקטאָראַט פון פּרעזידענט פון ... פראַנצויזישער רעפּובליק דומערג, ... זיך אויסגעצייכענט מיט איהר גרויס ... צאָהל עקספּאָנאַטען און די גרע ... וועלט-פירמען האָבען דאָרט רעווא ... מיט זייערע אויסאַרבייטונגען.

עס איז דעריבער אָנגענעהם צו ... צייהלען, אַז אויף דער דאָזיגער אוי[ס]שטעלונג האָט זיך אויסגעצייכענט ... לאָדזער זאַקען-פירמע „סאַמאָ... אין וועמענס שפּיץ עס שטעהט ... און לאָדז בעקאַנטער אינדוסטר... אַסקאַר געמבער.

די פּרעמיע-קאָמיסיע, וואָס איז ... שטאַנען פון די גרעסטע וועלט-אויט[אָ]ריטעטען האָט די פירמע „סאַמ... טאַל" בעשאַנקען מיט אַ גאָלדענע ... דאַל פאַר ערשטראַנגיגע אַרט ... ציע.

יודן-איינוואַנדערער אין אינדיע.

(פון בריה)

I. בריטישע אינדיען.

אין בריטיש-אינדיען וואוינען סיי אשכנזישע, אַזוי אויך ספרדישע-אַראַבישע יודען. עס זענען פאַראַן איינציגע יודישע פאַמיליעס פון רוסלאַנד, אַזוי צ. ב. געפינט זיך אין סינגאַפּור אַ ברייט-פערצווייגטע יודישע פאַמיליע פרענקעל. דער אַלטער אברהם פרענקעל איז געקומען קיין אינדיען פון דרוסקעניק, גראָדנער גובערניע, מיט עטליכע און פערציג יאָהר צוריק; זיינע זיהן, איידעמס און איינִיקלעך זענען איצט אייגענטימער פון אוניווערסאַל-געשעפטען, האָבען גומי-פּלאַנטאַציעס און שפּילען אַ גרויסע ראָלע צווישען די רוסישע יודען אין סינ[גאַפּור].

די געשעפטען „בריידער קאַץ", „קליינמאַן", „פרענקעל בראָס", „עמבועל עט קאָמפּ.", „אולמאַן" און אַנדערע זוכען ווי ווייט מעגליך אָפּצוהיטען דעם פּרעסטיזש פונ'ם אָנקומענדיגען אייראָפּעאישען יודען און דערלאָזען נישט, אַז זיי זאָלען זיך איינאָרדנען אַלס פּשוט'ע אַרבייטער. נישט לאַנג איז געווען אַזאַ פאַל; עס האָט גאַסטראָלירט אין אינדיען אַ איטאַליענישע אָפּערן-טרופּע, פון וועלכער איינִיגע אַרטיסטען זענען יודען, פריהערדיגע בעלי-מלאכות; האָבען זיי בעשלאָסען זיך אָפּצושטעלען אין לאַנד און פערנעמען זיך מיט זייער אַלטען פאַך. די דאָרטיגע יודען אָבער האָבען זיי בעשטימט פאַר חעכערע אָנגעשטעלטע, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס זיי זענען אפילו נישט בעקאַנט מיט דער דאָרטיגער שפּראַך.

אין סינגאַפּור געפינען זיך צוויי פּרעכטיגע בתי-מדרשים. עס וואוינען דאָ אַ 300 אַראַבישע יודען. די לעצטע פּאָדערן אַרויס צו זיך זייערע קרובים, הויפּטזעכליך פון באַגדאַד, און פערנעמען אַ גרויס אָרט אין אינדישען אימפּאָרט- און עקספּאָרט-האַנדעל. אין סינגאַפּור איז אויך פאַראַן אַ גרופּע רוסישע יודען, זיי אַרבייטען אין די מעהר קוואַליפיצירטע פאַכען, אַלס העכערע בעאַמטע און פערדינען זעהר גוט. זעלטען אָבער ווער ס'קען פערטראָגען דעם שווערען קלימאַט און דעם גרויסען פאַנאַטיזם לעבען. ס'בעמערקט זיך דעריבער ביי די רוסישע יודען אַ טענדענץ אַפּצושפּאַרען אַביסעל געלד און וואָס גיכער אומקערען זיך אין אַ מעהר היימישער סביבה.

אַ צימער אין סינגאַפּור קאָסט ביז 20 דאָלאַר. אַ מיטאָג — 50 אינדישע סענט. אין קאַלקוטאַ זענען כמעט די זעלביגע פּרייזען; אַזוי אויך אין באָמביי.

II. האָלענדיש אינדיען.

עדי צו בעקומען אַנ'ערלויבניש אַריינצופאָהרען קיין יאַוואַ, דאַרף מען האָבען אַנ'אַרויספאָדערונג פון אַ דאָרטיגען איינוואוינער, בעשטעטיגט פון דאָרטיגען פּאָליציי-שעף, אָדער מוניציפּאַליטעט, אָדער האַנדעלס-קאַמער וכדומה, אַז די פּערזאָן אָדער די פירמע איז אַ רעעלע. אַזוי פאָדערן די אינדישע קאָנסולען אין כינע. ווי עס איז אין אייראָפּע — ווייסען מיר נישט.

בכדי צו קענען אַריינקומען אין האָלענדישען אינדיען, צ. ב. קיין סוראַבאַיאַ, באַטאַוויע, סעמאַראַנג ודומה, מוז יעדער עמיגראַנט איינלעגען 100 האָלענדישע גולדען. אויב ער קעהרט זיך אום אין משך פון 6 חדשים צוריק, ווערט איהם די אָנגעמויזענע סומע צוריקגעגעבען; אויב אָבער דער עמיגראַנט בעשליסט צו פערבלייבען אין לאַנד, דאַרף ער מעלדען וועגען זיין וואונש צו בעקומען די ערשטע בירגער-פּאַפּירען. די פולע בירגערשאַפט בעקומט מען ערשט נאָך 3 יאָהר אָפּזיין אין לאַנד.

מיט אַ קורצער צייט צוריק האָט זיך אַנ'עמיגראַנט פון יאַוואַ — ה' י. פוקס, אַ לאָדזער תושב, וועלכער דערצעהלט, אַז פאַר 70 גולדען אַ חודש, קען מען אין סוראַבאַיאַ איינאָרדנען אויף פולען פּאַנסיאָן; דאָס איז דער מינימום. ווייל מען זיך איינאָרדנען בעסער — קאָסט דאָס 90 גולדען אַ חודש (עסען און דירה-געלד) אַנ'ערך 40 דאָלאַר.

דער מינימאַלער פערדינסט איז דאָ 175 גולדען אַ חודש. ווייניגער צאָהלט מען נישט אַנ'אייראָפּעאישען אַרבייטער. גוטע אַרבייטער קאָנען פערדינען פיל מעהר אין די אוניווערסאַל-געשעפטען. וועלכע נעמען אָן בעשטעלונגען אויף קליידער, שיך א. אַז. וו., ווי אויך אַלס איינבינדער, יובעליר, עלעקטראָטעכניקער, מעכאַניקער, שאָפערס, שלאָסער און בכלל אַלס קוואַליפיצירטע אַרבייטער. אויב ס'זאָלען אָבער אָנקומען פיל אַרבייטער, וועט זיך דאָס ביסעל דאָרטיגע יודען פערלירען און וועט זיך נישט קענען אַזוי וואַרים בעציהען צו די יודישע איינוואַנדערער, ווי דאָס קומט פאַר איצט. אין סוראַבאַיאַ געפינען זיך יודען פון האָלאַנד, גאַליציען און דייטשלאַנד אין אַ קליינער צאָהל. חוץ דעם זענען דאָ פאַראַן ביז 120 יודיש-אַראַבישע פאַמיליעס. דאָ איז בעקאַנט דאָס גרויסע יובעליר-געשעפט איזבערט און קאָמפּ., גאָלדבערג און אַנדערע.

אין סעמאַראַנג געפינען זיך אַ ריי'ה יודישע געשעפטען, ווי: די עקספּאָרט-הייזער פון זית און קאָמפּ., די אוניווערסאַל-געשעפטען קאָהן, ראָזענבערג, ספּיגעל א. א. די בעציהונג פון די דאָרטיגע יודען צו די אָנגעקומענע איז אויך זעהר אַ וואַרימע. אויך די רעגירונג בעציהט זיך נישט שלעכט צו די אָנגעקומענע. די שפּראַך איז עהנליך צו דייטש און דעריבער איז דעם יודישען עמיגראַנט נישט שווער זיך צו אָריענטירען. די אָרטיגע בעפעלקערונג — די מאַלאַיער און יאַוואַער — איז זעהר אַ פעהיגע, אָבער צוליב די שרעקליכע היצען זענען זיי פויל צו דער אַרבייט. די אַלט-בעזעסענע יודען וועלען נישט דערלאָזען, אַז די אָנגעקומענע יודען זאָלען געהן אַרבייטען גלייך מיט די אָרטיגע. בכלל וועט מען דאָ אַנ'אייראָפּעער נישט געבען קיין איינפאַכע אַרבייט; מ'וועט איהם בעשטימען אויף אַ העכערען פּאָסטען ביי זיין פאַך — אַלס צושנידער, אויפזעהער, פערוואַלטער א. ד. גל.

די קליידונג אין די טראָפּישע לענדער איז אַ ווייסע און לייכטע, קיין וואַרימע מלבושים אָדער מאַנטלען טראָגט מען דאָ נישט. פאַר 80 גולדען בעקומט מען אַ גוט ווייסע לייוענטענע קליידער. אַ פּאָר לאַקירטע האַלב-שיך אָדער האַלבשיך פון שלאַנגען-פעל קאָסטען דאָ 4 גולדען און אַמאָל ווייניגער. קיין ... ברויט איז אין יאַוואַ נישט ... אַ ווייס ברויטעל פון אַנ'ערך ... קאָסט 50 אַמעריקאַנער סענט; ... 25—28 סענט; מילך איז דאָרט ... נאָר קאָנדענסירטע.

יעדער נייער מענש, וואָס קומט ... ערשטען מאָל אין די טראָפּישע ... קען קראַנק ווערען אויף טראָפּ... לאַריע. אין צווייטען האַלבט ... דערגעהט ביים קראַנקען די היץ ... גראַד און ס'וואַרפט איהם פון ... היץ; אַמאָל שלאָגען אויס בלו... אויף דער הויט, און דורכדעם ... מען דעם פיבער איינגאַנצען אוי... בער מוז איטליכער פיטנעהמען ... רייזע כינין.

קליינע יודישע קבוצים געפינ[ען] ... אויך אין באַנדאָנג, באַסאַויע ... פּרעד). דער קלימאַט אינ'ם ... פונקט אוז אַ פייכטער און אַ ... טער. דער דירעקטאָר פון דער ... „אייראָפּאַ-אַזיע" — אַ יוד — איז תמיד ... צו דינען די אָנגעקומענע מי... און מעשים.

דער ריכטער ביי דואַנדזאַ — אַ ... נישט ווייט פון באַנדאָנג — איז אַ ... אַנ'אָרטאָדאָקסישער האָלענדישער ... און נאָך איינִיגע אַנדערע יודיש[ע] ... וואוינער געפינען אויך זעהר ... די געצעהלטע דורכפאָהרער ... נעקומענע אימיגראַנטען.

וואס זאל זיין מיט דער שלים־מזל׳דיגער לאדזשער קהלה?

אנקעטע פון „לאדזשער טאגעבלאט“ צווישען אנגעזעהענע לאדזשער פרנסים, דאזארעס און כלל-טוער.

וואס זאגען די ווארט-פירער פון דער אפאזיציע אין דער קהלה?

וואס זאגט פרנס ישראל ליכטענשטיין?

[illegible]

קהלה — האט צוגעשריבען ה׳ ליכטענ־שטיין — וועל איך אנהויבען דערפון, אז די לעצטע זיצונג פון קהלה־ראט איז נישט צושטאנד־געקומען א דאנק דער נים־אויפרעכטיגער, פשוט געמיינער, אומ־ווירדיגער שטעלונג צו דער פראגע פון בייטע גרויסע צדדים פון דער קהלה־מערהייט.

אז די „אגודה“ האט נישט געוואלט, דאס דער קהלה־ראט זאל אויפגעלעזט ווערען איז קלאר צו זעהען דערפון, וואס זי איז נישט געקומען צו דער מאנדאט־דיגער זיצונג; אז די „אגודה“ קאן מא־בילעזירען איהר מחנה, ווען איהר לוינט זיך, האט מען שוין נישט איינמאל זיך געקאנט דערין איבערצייגען, אפילו אין דעם זעלביגען קהלה־ראט, וואו עס זע־נען געהאלטען געוואלען באדיי קראנקע מיטגלידער צו נאמינע גענעס. דאס איז געווען, ווען דער „אגודה“ האט דאס גערינגט צום געשעפט. אוצט איז זי נים געקומען, ווייל זי האט מורא געהאט פאר דער אויפלעזונג פון׳ם ראט און דאס דערפאר, ווייל זי איז זיכער, אז בייי די נאהענסטע וואהלען, נישט קוקענדיג אויף דער איצטיגער וואהל־ארדינאציע, וועט זי ארויס מיט א מפלה. א חוץ דעם,

פאר האט זי זיך צוריקגעצויגען פון׳ם פלאן מימצווזרקען צו דער אויפלעזונג פון׳ם קהלה־ראט.

וואס שייך דעם צווייטען צד, וויל זאג זיי נישט דערלאזען צום פינאנציעלען דעם קהלה־ראט, א זאך, וואס קאן אין איהר קאנסעקווענץ ברענגען צו נייע וואהלען, ביי וועלכע זיי קאנען ליידען פונקט אזא דארפפאל, ווי די „אגודה“.

פון דעם אלעם איז שוין קלאר, אז מיר (דער „בונד“) האלטען פאר׳ן איינ־ציג מעגליכען אויסוועג דאס צופעלידען צו די פרייטע מאסען פון דער לאדזשער יידישער בעפעלקערונג, וועלכע האבען זיך אין פערלויף פון די קנאפע 3 יאהר געמוזט איבערצייגען אין דער פולשטענ־דיגער אנגפעהיגקייט, נישט דערוואקסענ־הייט פון די מעהרהייטס־פארטייען צו פיהרען א וועלכע עס איז געזעלשאפט־ליכע ארבייט אין איינאמפאנשען זיין פון ווארט. קורץ, מיר זענען פאר וואס גי־כערע קהלה־וואהלען. דאס בלויז איז נאך ווינציג. מיר האלטען, אז דווקא די איינקלמוריגע, וויכיגע אלפים פון חוזקי־מאכען פון די פלומינסטע אינטערעסען פון די ברייטע יידישע מאסען, וועלכע זענען געקומען צום אויסדרוק אין דעם איפי פון האנדלען מצד די קהלה־רעגי־רער — מאכען דייף מאכלען ביי אלעמען דעם געדאנק, אז ס׳זענען נויטיג 2 גרונט־ליכע רעפארמען: 1) די ענדערונג פון דער וואהל־ארדינאציע אין זין פון דער פערוויקלינג פון די דעמאקראטישע פרינציפען (5־פאלינגער וואהל־סיסטעם) און 2) די פערוועלטליכונג פון דער קהלה, דאס בעזייטיגען פון קהלה־לעבען די רעליגיעזע פראגען.

— נאך א וועלטליכע קערפערשאפט מיט ברייטע קולטורעלע קאמפעטענצען קאן פעהיג זיין און די איצטיגע בעדינ־גונגען פון לעבען, בעת דער יידישער אר־בייטער רגקט זיך אין פאראור־גווגר, צו פיהרען א ווירדיגע, פראדוקטיווע ארבייט אין דער קהלה.

אלזא, איך רעזומיר:

ראב. וואס עס ערלויבען זיך די צוויי מעהרהייטס־צדדים אין דער לאדזשער קהלה, איז א שענדליכער חוזק איבער די לעבענס־אינטערעסען פון די יידישע פאלקס־מאסען אין לאדז. די צווייטע גרעסטע קהלה אין פוילען האט נישט בלויז גארנישט געטון, פרי צו לעזען וועלכע עס איז פראגע פון לעבען, ווי די שול און קולטור־פראגע, סאציאלע הילף, פראפעסיאנעלע בילדונג וכדומה, נאר האט זיי אפילו נישט אנגעקנעשטעלט אויף דער טאג־סארדענונג.

נישט פינאנדערלאזען, נאר פונאנ־דערטרייבען, פינאנדערטרייבען אט די אינ־פעראנטווארטליכע חוזק־טרייבער!

אבער א ראדיקאלער אויסוועג צום קהלה־לעבען קאן זיין נאר די הויפט־רונג פון די אויבענדערמאנטע רעפאר־מען: פערוועלטליכונג און דעמאקראטי־זירונג פון די יידישע קהלות, פערוואנד־לען זיי אין קולטור־נאציאנאלע אויטאנא־מיע ארגאנען — דאס איז דער גע־באט פון אונזער צייט!

עס מוז ענדליך קומען צו נייע קהלה-וואהלען, זאגט פרנס דעפ. ל. מינצבערג.

דעפ. ל. מינצבערג, פיהרער פון דער „אגודה“ אין לאדז און מיטגליד פון דער קהלה־פערוואלטונג, פרעצעזירט אזוי זיין שטעלונג צו די פראגען פון אונזער אנקעטע:

— צוגעהענדיג צו דער פראגע פון עק־זיסטענץ־בערעכטיגונג פון דער לאדזשער יידישער קהלה — זאגט דעפ. מינצ־בערג — מוז מען לכתחילה אונטער־שטרייכען, אז יעדע מעגליכקייט אויף פראדוקטיווער ארבייט און בכלל א מינגען צוזאמענשטעל דא אויסגעשלאס־סען, מחמת די קולות־פערהעלטניסען זענען אויסגעפאלען אזוי, גלייך ווי וואל־טען געשאפען געווארען נישט לטובת דער קהלה, נאר צו גאנץ אנדערע צוועקען, לתלמיד נישט האבענדיג אין זין די טובה פון דער קהלה און גע־ריכטעט ספעציעל געגען דער „אגודה“. דערפאר שפילען זיך אפ אין דער קהלה עפיזאדען פון פאליטישקאמבערע פון גאנץ אנדערע קערפערשאפטען... צוליב דעם אלעם קאן דעריבער נישט זיין קיין רייד וועגען אן׳עווענטועלען הסכם בנוגע צו־זאמענארבייט צווישען די זיך בעקעמ־פענדע קהלה־לאגערן. די גרעסטע שולד פאר׳ן איצטיגען מצב אין דער לאדזשער קהלה — מיינט דער פיהרער פון דער „אגודה“ — טראגט די ציוניסטישע פראקציע, וועלכע האט מפקיר געווען די גאנצע קהלה לטובת אנדערע פלומר׳שטע פארטיי־אינטערעסען פון אגודעשיסאי, אויסער דער קהלה.

— פארוואס איז נישט צושטאנד גע־קומען די לעצטע ראט־זיצונג?

— די גאנצע געשיכטע איז געווען פאראויסגעזעהען — ערקלערט דעפ. מינצבערג — דער פארזיצענדער פון קהלה־ראט האט בכיוון נישט געווארנט פאר דער ארדנונג, ארגאניזירענדיג א „באיקאט“ פון אגנפארטייאישע“, וועל־כע האבען בעשלאסען זאבאטירען דעם צוזאמענ צום קהלה־לאקאל; א בעוויזען דערויף איז דער פאקט, אז א 2 מנינים נאכ׳ן פונאנ־דערגעהן זיך פון דער ראט־פערזאמלונג, זענען געקומען אלע פעהלענדע ראטס־מיטגלידער פון דער „אגודה“, ווי אויך ה׳ הארענדערסקי, וועלכען מ׳קאן נישט חושד זיין אין קאפאמירען די זיצונג. איבריגענס האט מען געבעטען דעם ה׳ פארזיצער, אז ער זאל ווארטען נאך א מני־נוס מיט דער זיצונג. נאך א בעוויזה, אז די „אגודה“ איז נישט געווען די מניעה דערפון, וואס די ראט־זיצונג איז נישט צושטאנד־געקומען איז דאס, וואס מיר וועלען העכסט־וואהרשיינליך איינגלבען זיך וועגען צום פארזיצענדען ה׳ בער־זיגער מיט דער פאדערונג תיכף צונויפ־צורופען א צווייטע זיצונג פון׳ם קהלה־ראט.

בנוגע דער שטעלונג פון דער „אגודה“ וועגען אויפלעזען דעם קהלה־ראט איז דאס, לויט מיין מיינונג א פראגע, איבער וועלכער מ׳קאן זיך אפמאלאוס נים מיישב זיין, ווייל קיין אנדערער אויסוועג איז נישטא. ווייל, ווי עס זאל שפעטער נים זיין, ווען דאס פינאנדערלאזען די איצ־טיגע קהלה פארט מאכען א סוף צו דער הערשענדער וואקלאנאליע.

די פארמעלע זייט פון׳ם אויפלעזען דעם ראט קאן מען זיך פארשטעלען פערשידענארטיג. עס איז קודם כל נאך נישט בעוואוסט די שטעלונג פון דער רעגירונג אין אזא פאל. יעדענפאלס קאן שוין זיכער זיין, אז לאנג וועט דער איצטיגער מצב נישט דויערען און בקרוב וועט דערפיהרט ווערען צו אן׳אויסגאנגס פונקט.

אלזא, קאנקרעט: פארמעל איז די אויפלעזונג פון דער קהלה פון זיך זעלבסט נישט גילטיג. איך גלויב אבער, אז סוף כל סוף וועט מוזען געשעהען, אז די אויפזיכטס־מאכט אליין וועט אויפלע־זען די קהלה און בעשטימען נייע וואה־לען. עס מוז ענדליך קומען א נייע קהלה ביי אן׳אנדער צוזאמענשטעל, מחמת דער מצב אין דער הייגער קהלה איז שוין א שאנד־פלעק פאר׳ן גאנצען יידישען קהלה־וועזען אין פוילען, צו וואס ס׳מוז נעמען א סוף.

פרנס אדוו. י. ווייצמאן.

פרנס אדוו. ווייצמאן, פיהרער פון דער פאלקס־פארטיי אין לאדז, האט אויף אונזער פראגע, צי עס איז נאך מעגליך צו רעטענען אויף א צוועקמעסיגער אר־בייט פון דער איצטיגער קהלה־פערוואל־טונג און ראט? — געענטפערט פאל־גענדעס:

— ניין, ס׳זענען נישטא די מינדעסטע אויסזיכטען אויף א פראדוקטיווער אר־בייט אין דער איצטיגער לאדזשער קהלה, ווייל דאס מענשען־מאטעריאל און די כחות־פערהעלטניסען פון די פארטייען, וואס זענען פערטרעטען אין דער קהלה, זענען אזעלכע, אז עס קאן בשום אופן נישט געבילדעט ווערען א פעסטע אר־בייטס־פעהיגע מעהרהייט. אין אנדערע אינסטיטוציעס איז דא אן׳אזוי־גערופענע נעך מלוכה־גייסט, וואס ברענגט דערצו, אז ס׳זאל געפונען ווערען א געמיינזאמע פלאטפארם. אין דער הייגער קהלה איז אפשר צוליב א צופאל נישט געפונען געווארען דער דאזיגער „מלוכה־גייסט“. דער דאמינירענדער פאקטאר אין דער לאדזשער קהלה־שטוב איז נאר צאפרעניג, צושפליטערונג.

איבריגענס, צו קיין הסכם בנוגע צו־זאמענארבייט קאן שוין נישט קומען, ווייל די העכסטע צווישען די רוואליזירענדע פארטייען האט שוין איבערגעשטיגען אלע גרענעצען.

וואס שייך דער נישט צושטאנד געקו־מענער לעצטער זיצונג פון קהלה־ראט, מוז געזאגט ווערען, אז דאס איז געשעהן מיט׳ן רצון פון דער „רעגירענדער מעהרהייט“. די גאנצע פראקציעס ווילען נישט, אז ס׳זאל קומען צו אן׳אונצאמערטו־וואסום פאר דער פערוואלטונג. אזוי ב׳גנום, און וויערע סודות איז שווער אר־צאדרינגען. אבער איז ביי די ציוניסטען און „אומפארטייאישע“ לכתחילה בעש־לאסען געווארען נישט צו קומען צו דער זיצונג, ביי דער „אגודה“ איז עס אפשר געווען אן צופאל, און מעגליך גאר — אויך א סטראטעגיש שפיצעל.

מיין אויספיהר איז, אלזא, אזעל־כער:

— איך בין פאר אויפלעזען דעם קהלה־ראט און פערוואל־טונג בתנאי, אז ס׳זאלען בעשטימט ווערען נייע וואהלען. צו דעם צוועק מוז אונבעדינגט פינאנדערגעלאזט ווערען דער קהלה־ראט און די קהלה־פערוואל־טונג מוז פון דער רעגירונג בעאויפ־טראגט ווערען צוצוטרעטען צו מאכען פארבערייטונגען צו די נייע וואהלען. דאס איז פארמעל מעגליך נאר אויף אזא אופן, אז די מעהרהייט פון די מיטגלי־דער פון קהלה־ראט, ד. ה. מינדעסטענס 18 בערזאז מוזען לעגען זייערע מאנ־דאטען. אנדערש געהערט בעדייט עס, אז די לינקע פראקציעס פון קהלה־ראט צו־זאמען מיט דער „אגודה“ דארפען און אזא פאל רעזיגנירען פון זייערע פיל־מאכטען אלס קהלה־ראטמענשער.

באנדיטען געשטאכען 2 יודען אויף לוטאמירסקא-גאס.

(ג) עהערגעכטען דינסטאג 4 א זייגער פארטאגס האבען באנדיטען זיך געווארפען ארייננעמען צום יודישען שענקער פון לוטאמירסקא 3, ה׳ יוסף ליוזעראוויטש און גענומען אויפרייסען די פראנט־טיר פון דער שענק. הערענדיג קלאפען אין די טירען, האט ה׳ ליוזעראוויטש זיך אויפגעכאפט און איז צוזאמען מיט זיין שוואגער שלמה הערש אשערצוויטש ארויסגעגאנגען אויף דער גאס, וואו זיי האבען געטראפען די אנפאלער ביי דער „ארבייט“. ה׳ ליוזעראוויטש מיט זיין שוואגער האבען, נאטירליך, זיי געשטערט פרעגלען די טיר פון דער שענק. די אנ־פאלער זענען דאן בעפאלען ליוזעראווי־טש׳ן מיט׳ן שוואגער מיט מעסערס און זיי געשטאכען מיט וואונדען.

ה׳ ליוזעראוויטש׳ן האט די פאגא־מאטינע און א שווערען צושטאנד אפגע־פיהרט אין פאזנאנסקי׳ס שפיטאל. ה׳ אשעראוויטש׳ן, וועלכער האט בעקומען לייכטערע וואונדען, האט די פאגאטאוויע נאכ׳ן ערטייילען די הילף, איבערגעלאזט אויפ׳ן ארט.

די פאליציי, וועלכע האט באלד אנ־געקומען א געיעג נאך די באנדיטען, האט פערהאלטען איינעם פון זיי. די אויספארשונג דויערט.

פאבריקען און ווארשטאטען מוזען פיהרען א סטאטיסטיק פון זייער פראדוקציע.

(§) נעכטען האט דער וואיעוואדא יאשטשאלט ארויסגעגעבען א פערארדנונג, אז אלע פאבריקען און ווארשטא־טען, אנהויבענדיג פון די, וואס בעשעפ־טיגען 5 ארבייטער און ווייטער, אדער די, וואס קויפען אויס פון ערשטער ביז 7. קאטעגאריע פאטענטען, זענען מחויב צוצושטעלען דעם הויפט־סטאטיסטישען אמט אין ווארשא א סטאטיסטישען בע־ריכט איין מאל יעהרליך.

די ווארשטאטען, וואס בעשעפטיגען צו 20 ארבייטער און מעהר זענען מחויב צוצושטעלען אזעלכע בעריכטען איין מאל אין חודש, נישט שפעטער ווי ביז׳ן 5. פון דעם אנדערען חודש און אן׳אפשריפט פון דעם דאזיגען בעריכט אויך צושיקען אין דער וואיעוואדזטווא.

די דאזיגע אלע בעריכטען וועלען נאר בענוצט ווערען פאר סטאטיסטישע צוועקען און קאנען לויט׳ן געזעץ נישט אי־בערגעגעבען ווערען דער מאכט פאר אנ־דערע צוועקען.

ווייטער זאל
„מאנטייפעל“
זאכאדניא 43.
„ארדט“
ארטיסטישער רעווי און קאמער-טעאטער
אונטער דער לייטונג פון
מ. בראדערזאן און ה. ראזענטאל
היינט אנהויב 9.15 אין אוונד
I פראגראם
די קאסע איז אפען טעגליך
פון 5 א זייגער אן.

גאלד, בלוט און פרויען.

א ראמאן פול מערסווירדיגע איבער־לעבענישען און ליידענשאפטען.

(151-טע פארטזעצונג.)

— געוויס, הער אדוואקאט! איך האב איהם איבערגעגעבען דעם באראן אין די הענט און איך מוז אייך זאגען, אז דער באראן האט א מאדנע געזיכט.

— וואס מיינסטו דערמיט? איך פערשטעה דיך נישט?

— איך מיין, אז דער באראן, צו וועלכען איך האב געבראכט דעם בריף, איז א מאדנער מענש. זאגט מיר, הער אדוואקאט, רעדנט איהר ווירקליך, אז ער איז א באראן?

דער אדוואקאט איז געווארען אויפמערקזאם און האט געקוקט סטאסא׳ן גלייך אין די אויגען אריין.

— איך בין זיכער, אז ער איז א באראן.

— דיין איך זאג אייך, אז ער איז א באראן, ווי איך בין א באראנעסע.

— וואס רעדסטו, סטאסא? וואס דען איז ער, ווען נישט קיין באראן?

— ער איז — ער איז אן׳אנדערער.

— ווער איז ער דען?

— איך קען עס אייך יעצט נישט זאגען — האט סטאסא ענדליך פעסט גע־זאגט — דאס איז א געהיימניס, וואס מוז פריהער אדער שפעטער ארויסקומען, ווי בוימעל אויפ׳ן וואסער.

דער אדוואקאט האט אנגעהויבען צו בעטען סטאסא׳ן, זי זאל איהם זאגען, ווער דער באראן נאבי איז. זי האט איהם אויף קיין פאל נישט געוואלט זאגען.

— איך קען עס אייך נאך יעצט נישט זאגען, ווייל דערין זענען פערמישט נטליכע מענשען. איך אליין וועל פריהער אלץ געוואהר ווערען און וויסען גענוי, ווער אלע זענען. ביז דעמאלט קען איך אייך ביי קיין פאל נישט זאגען.

דער אדוואקאט האט איינגעזעהן, אז ער וועט מיט איהר גארנישט מאכען. זי האלט זיך תקיף און וויל נישט אויסזאגען, ווער דער באראן נאבי איז. ער האט זיך דריבער ענטשלאסען, ער זאל זי יעצט צפלאזען און זאל רעדען פון אנדערע זאכען.

— דו האסט נישט געהאלטען דיין ווארט, סטאסא — האט ער געזאגט מיט א פארוואורף.

— איהר מיינט דאס ווארט, וואס איך האב געגעבען וועגען דעם גראף פאן מאקי.

— ווען דו ווייסט עס, צו וואס פרעגסטו?

— ער איז יעצט אין בודאפעסט.

— דאס ווייס איך אהן דיר. זאג מיר ליבער, פארוואס איז ער נישט דארט, פון וואנען מען קומט נישט צוריק?

— זייט רוהיג, הער אדוואקאט! ער וועט שוין קומען א חין! האט נאר א ביסעל געדולד. איך דארף איהם נאך דערווייל האבען, איך בין צופרידען, וואס מיין ערשטע פרובע איז נישט געלונגען. ער וועט מיר שוין צונוצקומען.

— אייניגע מינוטען האבען בעידע געשוויגען. דער אדוואקאט איז געווען פינסטער און אונרוהיג. סטאסא איז זיך געשטאנען גלייכגילטיג און האט איהם בעטראכט. ענדליך האט דער אדוואקאט אויסגערופען:

— לאמיר מעהר דערפון נישט רעדען, סטאסא! איך וויל פון דער גאנצער געשיכטע מעהר גארנישט רעדען. דו ביסט מיר צו קלוג און ווייסט מיר טון, וואס דו ווילסט און וואס עס פאסט דיר.

— דאס איז שעהן פון אייך, הער גאוואק! דאס הייסט צופרידען! זייט רו־היג, הער גאוואק! איהר וועט שוין מיט מיר צופרידען זיין.

— דו מעגסט דיר שוין געהן, סטאסא — האט דער אדוואקאט געזאגט אונגעדולדיג. איך זעה דאך, אז דו האסט מעהר נישט, וואס צו טון. איך דארף דיך שוין נישט.

— איך דארף אייך אבער — האט סטאסא בעמערקט.

— זאג שנעל און קורץ, וואס ווילסטו?

— איך וויל, אז איהר זאלט שיקען איינעם צום גראף מעראס, ער זאל גע־וואהר ווערען פון די דינער, וואס עס איז פארגעקומען אין דער לעצטער מינוט ביי איהם אין פאלאץ.

דער אדוואקאט האט זי אנגעקוקט פערוואונדערט און ערשטוינט.

— וואס מיינסטו, סטאסא? איך פערשטעה דיך נישט!

— גראף מעראס האט היינט דערהאלטען די ביינער פון א מענש. איך וויל וויסען, וואס ער וויל טון מיט זיי.

— ביינער פון א מענשען? — האט דער אדוואקאט אויסגערופען.

— יא, די ביינער פון א קליין קינד.

— וואס רעדסטו, סטאסא? וואס איז דאס פאר א רעטעניש?

— בערוהיגט אייך, הער אדוואקאט, עס איז נאך גארנישט. עס איז אפילו דאס, וואס איהר מיינט, עס בעהערט זיך אבער נישט אן מיט אייערע געשעפטען.

דער אדוואקאט איז בלייך געווארען. ער האט זעהר גוט געוואוסט, וואס סטאסא מיינט און וואהין זי צילט.

— הער נאר, סטאסא — האט ער פלוצלינג אויסגערופען — וויפיל יאהר איז עס שוין, זייט דו האסט אוועקגערויבט דאס קינד?

— זייט איהר האט צוגענומען איהר פערמעגען — האט סטאסא געענטפערט — איהר קענט יעצט ליכט אויסרעכנען, ווען דאס איז געווען.

דער אדוואקאט האט אויף איהר געווארפען א בייזען, ווילדען בליק. ער האט אבער נישט געקענט אויסרעדען א ווארט. עס איז געווען דייטליך, אז זי האט מעהר געוואוסט פון זיינע געהיימניסען, ווי עס איז איהם ליב געווען. די לעצטע ווערטער האבען איהם געווייזען, אז ער איז מיט איהר נישט פערטיג. זי ווייס שוין צופיל! סטאסא איז אבער געבליבען זיצען רוהיג און גלייכגילטיג. זי האט גע־קוקט אויפ׳ן אדוואקאט און א מאדנער שמייכעל האט זיך געקרייזעלט אויף איהרע ליפען. זי האט געוואוסט, אז דער שטאלצער אדוואקאט וועט מוזען איינבויגען פאר איהר דעם קאפ. זי האט געוואוסט, אז דער קלוגער און דורכגעטריבענער אדוואקאט מוז טון, וואס זי וועט איהם הייסען.

— אלזא, הער אדוואקאט, וועט איהר שיקען א מענש צום גראף מעראס?

דער אדוואקאט איז אויפגעשפרינגען און אויסגערופען:

— איך קען נישט שיקען קיינעם פון מיינע דינער! איך טאר עס נישט! איך דארף עס נישט! זוך דיר אויס אן׳אנדערען.

— איך האב נישט קיינעם — האט סטאסא געזאגט קאלטבלוטיג — איך ווייס שוין ווי די דאזיגע רייכע בעהאנדלען די ארימע. זיי שאפען זיך מיט זיי, הייסען זיי טון אלדאס בייז און ווען עס קומט צו עפיס, שאקלען זיי זיך אב און זאגען, אז זיי ווייסען פון גארנישט. איך קען אייך גאנץ גוט, הער אדוואקאט. איהר זענט א גאנץ קלוגער און דורכגעטריבענער אדוואקאט. אין דער דאזיגער געשיכטע מוזט איהר מיך האבען. אזוי לאנג ווי סטאסא לעבט קענט איהר נישט אבזאגען, ווען זי בעט ביי אייך עפיס. איהר מוזט געפונען איינעם, וואס זאל געהן צום גראף מעראס און געוואהר ווערען, וואס עס איז היינט פארגעקומען. איהר ווייסט זעהר גוט, אז איהר מוזט עס טון.

נאוואק האט זיך געביסען די ליפען ביז בלוט. ער האט געפיהלט, אז די דאזיגע פרוי בעהערשט איהם. ער האט געוואוסט, אז ער איז ביי איהר אין די הענט, אז זי האלט איהם ביי דעם קאפ. ער האט בעטראכט אייניגע מינוט און האט ענדליך געזאגט:

— נו, גוט, סטאסא, איך וועל טון, וואס דו פערלאנגסט.

— אבער נאך היינט.

— נאך היינט.

(פארטזעצונג קומט)

יודישער מעסער־שטעכער

פער׳משפט אויף 3 יאהר שווערע תפיסה.

(§) געפסטן איז אין לאדזשער קרייז־געריכט בעטראכט געווארן דער פראצעס געגען 36־יעהריגען בנימין אשיאק פון קילמא־גאס, וואס איז אנגעקלאגט געווארן אין שטעכען מיט א מעסער מרדכי קוראפאטווען פון דער זעלבער גאס.

דעם 2־טען אפריל איז אין בושעקא׳ס וואוינונג פון קילמא 2, געקומען בנימין אשיאק און ערקלערט, אז ער איז געקומען ליקווידירען דעם סכסוך צווישען בושעקא׳ן און דעם הויז־ווירט קאלסקי. אשיאק האט ארויסגערופען בושעקא׳ן אויפ׳ן הויף, וואו עס זענען שוין געשטאנען גרייט עטליכע בעקאנטע מעסער־שטעכער. קוראפאטווא, וואס האט זיך אויך דאן געפונען אין בושעקא׳ס וואוינונג האט זיך דאן אנגערופען צו אשיאק׳ן, אז ער דארף זיך נישט מישען אין פרעמדע עסקים. דערויף האט איהם אשיאק אנגעהויבען שלאגען און איהם אויך געשטאכען מיט א מעסער און איהם שווער פערוואונדעט. דאן איז דער מעסער־שטעכער אנטלאפען, אבער די פאליציי האט איהם געכאפט און איינגעזעצט אין ארעסט.

אין געריכט האט דער אנגעקלאגטער זיך אין דער שולד נישט מודה געווען. נאכ׳ן אויסהערען די עדות און די רעדעס פון פראקוראר און פערטיידיגער האט דאס געריכט פער׳משפט אשיאק׳ן צו 3 יאהר שווערע תפיסה. די עדות מאטעל פייבושעוויטש, חענעך וואלדמאן, סם. מיטלשטארק און קלמן ברושעצקי זענען ארעסטירט געווארען לויט׳ן פער־שלאג פון פראקוראר פאר פאלש שווערען.

בריף־קאסטען

פון רעדאקציע.

לוים פושעוויטשסקי, הער יאר, וואס וואלגערט זיך אין דער וואלקער מקוה ווערט אויסגעפארערט איר זיין אויגענעם אנגעטאן זיך צו מעלדען אין אונזער רעדאקציע אין דער צייט פון 1 ביז 2 מיטאג.

איליא ערענבורג קומט קיין לאדז.

דער באריהמטער רוסישער שריפט־שטעלער איליא ערענבורג (אין פאריז), וועלכער האט זיך לעצט שוין באוויזען מיט זיינע פראגלמאטע ראמאנען ווי: „דער טונעל פון דעם אפארט"... (איבעריגע ראמאנען פון רוסיש און פון פאלנישן) די ערשטע... קומט קיין לאדז...

עספעראנטא־קורס אין יודיש.

דעם 10. ד. ח. ווערט געעפענט אין לאקאל פון דער עספעראנטא־געזעלשאפט „לאבאראד" (צעגעלניאנא 75) א עספעראנטא־קורס אין יודישען אונטער־ריכטס־שפראך.

טעאטער און מוזיק.

פון „ארטיסט".

היינט ווערט געשפילט צום 22. מאל דער אויסערגעווענליך אויסגעצייכנטער ערשטער־לאסאלנער שלאגער ־ פראגראם: „גלאט כשר" מיט׳ן אנטייל פון גאנצען אנסאמבל.

און די נאכהמעסטע מאג קומט פאר די פרעמיערע פון צווייטען פראגראם מיט א רעוויו מוזיקאלישען טייל, די אגפיהרונג פון וועלכען עס האט איבערגענומען דער בעוואוסטער קאמפאזיטאר העניך קאהן.

צוליב די רעפעטיציעס צום צווייטען פראגראם ווערט היינטיגען שבת נישט געשפילט.

בע׳גנב׳עט א דענטיסט אויף 4000 זלאטעס.

(§) נעכטען האט מען פון צאנארצט׳ס דענטיסטישען קאבינעט (זאוואדזקא 12) ארויסגע׳גנב׳עט גאלדענע און פלאטינענע ציין אויף א סומע פון 4000 זל.

א שווים־מייסטער פון גדיניא.

(:) אין לאדז איז דער שווים־ספארט גאנץ וועניג אנטוויקעלט. לעצטענס איז אויף דעם געביט ארייגעטרעטען א בעדייטענדע ענדערונג א דאנק דער מעטינגנעט פון דער ים־ און וואסער־ליגע, וואס האט געגרינדעט א שווים־שול און מער דער ליטונג פון קאפ. שיינבערג. אין זומער־סעזאן זענען אין ראדא פאביאניץ איינגעארדענט געווארען שווים־איבונגען, וואס האבען געהאט א גרויסען ערפאלג. צום ווינטער־סעזאן איז אראגאניזירט געווארען א ריזיג־גרויסער שווים־מייסטער פון גדיניא, וואס דערציילטבעלענער שווים־לערער אויפ׳ן שווים־פלאץ קילינסקא 134.

וואס ווערט היינט געשפילט

אין די טעאטערן און קינאס?

„ארטיסט" — „גלאט כשר".
שטעטישער טעאטער — „דושאדי".
פאפולארי — אויף אגראדאווא 10 „שאל מילאשעשי".
קאמער טעאטער — „אזאיס".
גאנג — „אלעס האט ס׳ווערט".
קאסינא „דער הטעל אימפעריאל".
ספלענדיד — „די ים בעסטיע".
לונא — ביז 6 אווענד „דאס הויז ווי אלע אנדערע".
גראנד־קינא — „זיי האבען איהם ארעפגעשלעדערט אין אפגרונד פון דער פרוי".
אדעאן — „וועגוס פון וועגעדיג".
נאוואשטשי אויף דער פיתנע — „זי וויל א מאן, אויפ׳ן עקראן—„די ארגיעס פון מאנטע קארלא"
קארסא — „די פיראטען פון מדבר"
שטעטישע קינא — „מאנטע סאנטא"

דער יודישער בעל־מלאכה אין רוסלאנד.

(ענדע פון זייט 8).

וואס עס וואלט בעדייט פאר די קוסטארען, אז זייערע אויסגעארבייטע פראדוקטען זאלען זיי קאנען ארייגעבען אין א קאאפעראטיווער קראם, וואס זאל פארקויפען די אלע זאכען און זאל געפינען פאר זיי נייע מערק און די הערשער און אויף יריד׳ען, וואו זיי זאלען קאנען אפזעצען זייער סחורה; יעדער קוסטאר וואלט ערשטענס, געצאהלט א סך ביליגער פאר רויה־מאטעריאלען, ווי ער צאהלט איצט; צווייטענס, וואלט ער געוואונען נאך צוויי מעג אין וואך אויף צו ארבייטען; דריטענס, וואלט ער אויך געהאט א שטיקעל קרעדיט און דעם קאאפעראטיוו אויף נייע רויה־מאטעריאלען, אזוי שנעל ווי ער וואלט ארויסגעבראכט זיין פערטיגע סחורה. האט אלץ וואלט געקענט גרינגער מעגליכקייטע פאר די יודישע קוסטארען צו פערבעסערן זייער לאגע און נים לעבען אין האלב־הונגער, ווי זיי לעבען איצט.

די רעגירונג בעמיהט זיך טאקע טאטאס צו די קוסטארען און צו זייערע ארגאניזאציעס און געוועהנט ערשטער בעקומען זיי א קליינעם קרעדיט. עס איז אבער גושטא קיין האנד, וואס זאל זיין פיהרען און העלפען. די אמעריקאנער יודען האבען געבראכט שענקען די יודישע קוסטארען פון רוסלאנד אזוי יודען ווי דעם צדרוואקאט ארא סאפינא, וועלכער האט געשאפען די גרעסטע קאאפעראטיווע ארגאניזאציעס צווישען די אמעריקאנער פארמער, פונקט אזוי ווי זיי האבען געעשיקט צו די רוסישע יודען אזוי מאן ווי ר״ר ראזען צו ארגאניזירען די יודישע קאלאניזאציע.

מיט וועמען א.ך האב גערעדט וועגען דער לאגע פון די יודישע קוסטארען, האבען אלע ארויסגעוויזען די גרעסטע סימפאטיע, סיי אין די העכסטע רעגירונגס־קרייזען און סיי צווישען די אייניצעלנע פיהרער פון דער קאמוניסטישער פארטיי, אבער פראקטישע הילף ווערט זיי ווענינ געגעבען. זיי זענען צופיל צעבראכען. דער „דזשאינט", וועלכער האט אזוי פיל גוטע ארבייט פאר דער יודישער קאלאניזאציע אין רוסלאנד, מוז זיך פערדראנטווארטען אביסעל אויך מיט דער לאגע פון די יודישע בעלי־מלאכות. דאס איז אנ׳עלעמענט, וועלכען מען קאן אויף א געזעצליכען אופן העלפען און רוסלאנד זיך שטעלען אויף די אייגענע פיס; און העלפען דעם יודישען קוסטאר, היינט העלפען מעהר ווי א דריטעל פון די רוסישע יודען. ווארום א יודישער קוסטאר איז גאנץ אפט דער שפייזער פון א גאנצער פאמיליע, און 200.000 יודישע קוסטארען זענען די ברויט־געבער פון נאהענט צו א מיליאן נפשות.

אין א גאנץ אנדער לאגע איז דער יודישער סוחר, דער קרעמער און הענדלער. אבער וועגען איהם וועל איך שרייבען בעזונדער.

בריסקער שטאט־ראט ענטגילטיג בעשלאסען אנצורופען א גאס אויפ׳ן נאמען פון י. ל. פרץ.

בריסק, (טעלעפאניש) אויף דער לעצטער זיצונג פון היגען שטאט־ראט איז צום לעצטען מאל בעהאנדעלט געווארען די פראגע וועגען אנרופען די לאנגע גאס אויפ׳ן נאמען פון י. ל. פרץ. די פראגע האט ארויסגערופען א ליידענשאפטליכע דיסקוסיע.

מיט א מעהרהייט פון 13 געגען 8 שטימען איז אנגענומען געווארען שוין צום לעצטען מאל, אז די לאנגע גאס וועט ווערען אנגערופען אויפ׳ן נאמען פון אונזער גרויסען דיכטער י. ל. פרץ.

מען וועט נישט טארען פערקויפען קיין קויהלען אויף די גאסען.

(ע) לויט א פעראָרדנונג פון דער וואיעוואדזטווא איז דאס ארומטראגען קויהלען איבער די גאסען צום פערקויפען פערבאטען ווארען, ווייל דערמיט ווערט געשטערט דער גאסען ־ פערקעהר.

דאס פערקויפען קויהלען וועט ערלויבט זיין בלויז אויף די חיגסטרגאסלעך און דאס אויך נאר ביז׳ן 15־טען מערץ 1928.

אין צוזאמענהאנג דערמיט האבען די קויהלען־הענדלער זיך געווענדעט צו דער שטייער־אמט וועגען ארויסגעבען זיי האלב־יעהריגע פאטענטען.

ראט פון דער קראנקען־קאסע

וועט זיך צונויפקומען 2־טן דעצעמבער.

(ע) אויף דער דינסטאג׳דיגער פערוואלטונגס־זיצונג פון דער קראנקען־קאסע איז ארומגערעדט געווארען די פראגע וועגען צונויפרופען די יעהרליכע ראט־זיצונג פון דער קראנקען־קאסע.

עס איז בעשלאסען געווארען צונויפצורופען די ראט־זיצונג אויפ׳ן 2־טען דעצעמבער. אויף דער דאזיגער זיצונג וועלען בעהאנדעלט ווערען א רייה פראגען; צווישען אנדערע אויך וועגען אויסבויען א רייה בנינים פאר דער קראנקען־קאסע.

עפענטליכע ערקלערונג

צוליב דעם, וואס אין „לאדזשער טאגעבלאט" № 253 האט זיך בעוויזען א בעקאנטמאכונג, אז מען האט מיר ארויסגע׳גנב׳עט 5 וועקסלען אויף דער אלגעמיינער סומע פון 1.340 זלאטעס, ערקלער איך אז איך האב א זעלכע נישט פערלוירען. און די בעקאנטמאכונג ענטשפרעכט איבערהויפט נישט דעם פאקטישען אמת. איך ערקלער נאכאמאל, אז די בעקאנטמאכונג האט צו מיר קיין שום שייכות נישט, און די וועקסלען ערקלער איך אלע פאר גילטיג.

מיט דרך־ארץ

משה שטייער פיעטריקאווער 17.

לעזט אויפמערקזאם!

נאך א פולשטענדיגער רעארגאניזאציע פון מיין ווערקשטעל, עמפפעהל איך די ג׳ קונדשאפט פון אייגענער אויסארבייטונג אין א גרויסען אויסוואהל

געבעטע שטיהל

געדעקט מיט לעדער, גאבעלין, מאראקא, זייד, ווי אויך גאבעלין און זייד־

קאזעטקעס, מאטראצען

פון פערשידענע סארטען, טישען און טישלער (שאלע) נאנדאלקעס אטאמאנס אלעס לויט פאריזער מאדעלען פון עכט טרוקען האלץ. לאנגטערמיניגע גאראנטיע. צוגענגליכע פרייזען און בעסטע בעדינגונגען.

בעפאר איהר קויפט, בעט איך אונבעדינגט צוערשט מיך צו בעזוכען און זיך איבערצייגען. מיט אכטונג

י. א. וואיטשעכאווסקי

10 נאוואמיעסקא 10

מיעיסקי קינעמאטאגראף

Miejski Kinematograf Oświatowy
Wodny Rynek, Tel. 18-26.
Od wtorku d. 8. do poniedz. d. 14. listop. wł.
Dla dorosłych począt. seansów o g. 6, 8 i 10
PIERWSZY RAZ w ŁODZI.

MONTE SANTO

Wstrząsający dramat w 10 aktach z prologiem, rozgrywający się wśród przepięknych cudów przyrody, wykonany przez oddział Kulturalno-Oświatowy wytwórni „UFY"
Scenarjusz filmu, opracowany przez dr. ADOLFA FRANCKA, ilustruje prawdziwy, niezwykle tragiczny wypadek, który się zdarzył przed kilku laty i którego ofiarą padli dwaj młodzi, dzielni alpiniści.
NAD PROGRAM:
„Żyjące kwiaty i klejnoty morskie" (naukowy)

DLA MŁODZIEŻY początek seansów o g. 2 1/4
Jack Coogan
w obrazie p. t.:
„Cohn i Coogan" (Old Clothes)
Ceny miejsc: dla dor. I—70, II—60, III—30 gr.
dla młodzieży: I—25, II—20, III—10 gr.

זאלען אלע סוחרים וויסען,

אז טריקאטאזשען אויפ׳ן קילא בעקומט מען נאר אויף דער איינציגער שטעל צו די ביליגסטע פרייזען

הערש סקאסאווסקי

29 נאוואמיעסקא 29
פראנט 1 שטאק, טעל. 40־41

בעם: פון הירשבערג און ווילטשינסקי׳ס סחורה, וואס געפינט זיך ביי מיר אויף לאגער גיב איך ארעב 15 פראצ. פון פעסטגעשטעלטען פרייז־קוראנט.

א בלאנקא וועקסעל

אויפ׳ן נאמען ישעי׳ קאכען ווי אויך 52 זל. זענען פערלוירען געווארען. דער עהרליכער פינדער ווערט געבעטען אפצוגעבען צו קאכען, אלעקסאנדראווסקא 2.

6 וועקסלען זענען אויפ׳ן וועג פון קאליש קיין לאדז פערלוירען געגאנגען:

1) 1000 זל.	צאהלבאר אין קאליש	29.4 1928	אויסשט. חיים אפט,	ארדרע ל.	פרידן
2) 1000	"	"	"	"	"
3) 500	"	25.3	"	פ. מעראוויטש,	„י. י. מייראף
4) 500	"	29.3	"	"	"
5) 100	"	5.3	"	ג. לאנדאבערג	"
6) 390	"	25.3	„ רושעצשוח	שמואל גרעס	מ. פרידן

דער עהרליכער פינדער ווערט געבעטען אפצוגעבען געגען בעלוינונג צו פראמער, זאוואדזקא 22. די וועקסלען ווערען ערקלערט פאר אונגילטיג.

אלע יודען

ערלעדיגען זייערע רעכטס־קאנסולטאנטען־ארבייטען איבער לאנגיעהריגען קאמפעטענטען־ביורא

זינגער, זאכאדניא 36

פראנט, פארטער.

די אויסארבייטונגע AMADA

זענען אונפערגלייכליך

א בעוויז:
אויף די 3 לעצטע אויסשטעלונגען אין פויזען, דאנציג און קאטאוויץ

3 גאלדענע מעדאלען.

ביים איינקויפען דארף מען דייטליך פאדערען:

AMADA

אויף דער שוץ־מארקע און אכטונג צו געבען

אכטונג

שפארזאמע ווירטינס!

דיוואנעס

די בעסטע מוסטערן פון מעהל־ און צוקער־זעק ווערען אויסגעארבייט נור ביי י. קאלטמאן, צעגעלניאנא № 9 — ארבייטס־לוין—3 זלאטעס.

וויכטיג פאר דאמען!

מאכט איך די עלעגאנטסטע דאמען־היטע נאך יעדער לעצטער פאריזער מאדע און די עלעגאנטסטע היטע איבערארבייט איך אויף געגעליך נייע. געדענקט די אדרעסע

28 זאוואדזקא 28

נאר פאר 2.50 זל.

אין הויף, 2־טען אריינגאנג, לינקס פארטער.

בעם. מאכע איך שיפאן־וועלור־ סאמעט־ און פילץ־היטע אין אלע סארטען און פארבען אין פיינסטער אויספיהרונג. דער פרייז איז נאר אויף א קורצער צייט.

נאר פאר 7 זל.

„TOBA"

אל תהי צדיק הרבה ואל תתחכם יותר

זייט נישט צופיל חכם, אז די דארפסט שרייבען און ערלעדיגען פאנדאווע זאכען זאלסטו קומען צו לויפען אין דעם ביורא

17 פעטריקאווער 17

2־טען הויף, פארטער, דורכגאנג זאכאדניא 52, וואו ס׳ווערט ערלעדיגט און געשריבען אלערליי ביטעס לויט׳ן אוסטאוו, קלאוזולעס און זאבעזפיעטשעניעס אויף אלע שטעט אין פוילען, אפעלאציעס, אפאזיציעס, אדוואלאניעס, רעקורסען וועגען פעסער אין קאמיסאריאט־רושאנדו, ביטעס וועגען דירה אין אורזשאנד־ראזיעמטשי און אין אלע פאליציי ־ בעצירקען, שותפות־אקטען, סטאטוטען, אקטען אינטערציזיעס, אקטען דאראוויזנעס, קארנע ספראוועס, ווי אויך איבערזעצונגען אין אלע שפראכען, עצות וועגן מיליטער־ענינים ווערט ערטיילט דורך א מיל. ספעצ. פון 7־4

רעכט־קאנסולענט י. מאנעלא. פעטריקאווער 17, זאכאדניא 52.

שנעל, רעעל און ביליג!

פאדערט איבעראל

נאר פאטענטירטע

פעלד־בעטען

פערזעהען מיט דער פאבריקס־מארקע

Palma-Patent

פאר הענדלער מיר גאראנטירען. אויף שטענדיג אויף לאגער אין א גרויסען אויסוואהל: ניקעל־בעטען, קינדער־בעטען, אמעריקאנקעס, קינדער־וועגעלעך, הויכע סינדער־בענקעלעך, שאטקאווע און געבעטע מאטראצען.

ביליגסטע פרייזען! רעעלסטע בעהאנדלונג

לאדז, פולנאצנא 24, טעל. 31־85.

אבאנעמענטס־פרייז: פאר א חודש אין פוילען 5 זל., אין פראנקרייך און בעלגיען—20 פראנק, אמעריקע לענדער—1,25 דאלער.

אנאנסען־פרייז: פאר א מ״ל.־מעטער־שורה פאר׳ן טעקסט 16 גר., פריטאגס 24 גר., אין טעקסט 40 גר., פריטאגס 60 גר., נאכ׳ן טעקסט 12 גר. פריטאג 18 גר. פאר אויסלענדישע אנאנסען 100% טייערער. אויסער דער שטאט—ביז 50% טייערער. פון די פרייזן ווערן גיט ארפגעגעבען קיין ראבאט.

Redaktor wydawca E. Hamburski.

Tłocznia: E. i M. Hamburski w Łodzi, Piotrkowska